STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04962

SHOTNS FUN VARSHEVER GETC

Itzik Fefer

Permanent preservation of this book was made possible
by Jack A. Samosky
in memory of
Herman & Lena Samosky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ

א מתנה
פונעם
איקוף

איציק פעפער

(1952—1900)

איציק פעפער

שאָטנס
פון ווארשעווער געטאָ

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף

פון ראובן בריינין לייען־קרייז

און פון גינאַ מעדעם לייען־קרייז

אין פילאַדעלפיע

לכבוד די פריינט ש. און בייקע דאַווידסאָן

אין אָנערקענונג פאַר זייערע קולטור־טעטיקייטן

שער־בלאַט געצייכנט פון י. זעלדין

נייע צווייטע אויפלאַגע

1 9 6 3

ITZIK FEFER

SHOTENS FUN WARSZAWER GETTO

Published by

YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

189 Second Ave.

New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

by

GRENICH PRINTING CORP.

151 West 25th Street

New York 1, N.Y.

(166)

נחמן מייזיל

איציק פעפער און זיין ווערק „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ"

1

איציק פעפער איז געבוירן געוואָרן אין שפּאָלע, וואָלין, דעם 23טן סעפּטעמבער 1900, — און ווען ער וואָלט נישט פאַרשניטן געוואָרן, צוזאַמען מיט די איבעריקע גרויסע יידישע שרייבער, — וואָלט ער איצט אַלט געווען 63 יאָר. זיין שאַפערישע קאַריערע האָט זיך פאַרענדיקט אין 1948, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די סטאַלין־בעריאַ־לייט. איז ער, הייסט עס, אין בליענדיקן עלטער פון 48 יאָר אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער ליכטיקער וועלט און פון זיין היימלאַנד, וואָס ער האָט אַזוי הייס ליב געהאַט, און וואָס ער האָט מיט אַזאַ לײדנשאַפט און מיט אַזוי פיל טרייקייט אַרויסגעבראַכט אין זיינע לידער און געהאַלטן ערשט ביים פאַרמעסטן זיך אויף אַ ניי רייך און ענטוזיאַסטיש לעבן־שאַפן.

גאָר יונג איז א. פעפער מיטגעריסן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע און פון אירע ערשטע טעג איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם ברויזנדיקן קאָך, זיך באַטייליקט אין די שווערע און הייסע קאַמפן אין אוקראַינע, מיטגעמאַכט די אַלע גראַנגלעגישן ווי אַ טרייער רויטאַרמייער, און זיך אייפּערזיכטיק געשלאָגן מיט די שונאים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן" (1929) האָבן מיר אייניקע פּרטים וועגן דעם יונגן איציק: „אַ זון פון אַ יידישן לערער, און פון אַ זאָקן־אַרבעטערין. מיט זיין בילדונג האָט זיך פאַרנומען זיין פאָטער שלום", וואָס איציק דערמאָנט אים פיל מאָל אין זיינע לידער. דער פאָטער — „אַ היינטוועלטיקער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג און איינגעוואָרצלט אין אים אַ ליבשאַפט צום נייעם. צו 12 יאָר איז איציק אַוועק אין אַ דרוקעריי אַלס זעצער. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט געהאַט אויף אים אַן אומגעהויערע השפעה, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פרייהייט־קאַמף... בשעת דעניקין — געבליבן אויף אונטערערדישער אַרבעט, געווען אַרעסטירט, אָפּגעזעסן אין תפיסה. פעפער האָט געהערט צום „צווייטן" דור סאָוועטיש־יידישע דיכטער, א. אָז. וו."

איציק פעפער האָט דעביוטירט מיט לידער אין יאָר 1919־1920. ער איז געקומען עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך דעם „ערשטן" דור — אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זייערע לידער מיט עטלעכע יאָר פריער און וואָס זייערע לידער־זאַמלונגען, — פון דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ און פּרץ מאַרקישן, — זיינען דערשינען אין 1919, אין קיעוו.

אין 1922 האָט דער ניי־געקומענער דור רעוואָלוציאָנערע דיכטער אַרויסגעגעבן אין קיעוו אַ סעריע לידער־ביכלעך אונטערן נאָמען „ווידער־וואוקס", מיט אַן אַריינפיר פון דוד האָפשטיין. אָט־די סעריע לידער־ביכלעך האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לידער־זאַמלונג פון דעם 22־יאָריקן, איציק פעפער.

דער יונגער פּרץ מאַרקיש, וועלכער איז דאַן געווען מיט אונדז אין וואַרשע, האָט אינעם „ביכער־וועלט", קריטיש־ביבליאָגראַפישער זשורנאַל (וואַרשע, 1922, אין מאַי־יוני־נומער) פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטע רעצענזיע וועגן די לידער־ביכלעך, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז דורך זייטן־וועגן. אויף זיין באַפליגלטן לשון האָט ער הייס באַגריסט די „בני נביאים", די יונגע טרובאַדורן. די אָפּהאַנדלונג הייבט אָן מאַרקיש מיט לויב־ווערטער וועגן איציק פעפערס ביכל „שפּענער". מאַרקיש שרייבט אַזוי:

„גרוסן פון אוקראַינע. 'ווידערוואוקס'.

„עפּעס אַ שטילע און צאַרטע טויבן־פּאָסט פון יענער זייט גרענעץ אוקראַינע גנבעט זיך דורך אַהער מיט פריידפולע גרוסן און געזאַנגען.

„אינאיינעם מיט דער שווידערלעכער יללה פון דרום: 'ברויט!', שווימען איבער דער גרענעץ ווי אויף אומזעבאַרע כוואַליעס אומעט־אָפּגעטעטעטע שמעקנדיקע שפּענער פרייד.

„אינאיינעם מיטן ווילדן פלאַנטער נאַקעטע געשרייען פון דער בלינד־געוואָרענער וואָלגע 'הונגער!' דערטראָגן זיך בלאָנדזשענדיקע שיפלעך טרייסט:

„היינטיקע טעג,
היינטיקע ווייען;
וואו האָט מען געזען
אַ פלאָנטער אַזוינעם פון בלינדע געשרייען
מיט נאַקעטע רייד?

ווער האָט גאָר געזען,
ווער האָט גאָר געזען,
אויף חורבות
אויף אַש
אַזאַ גרויסע פרייד!"

„אַזוי הויבט אָן זיין קליין „בריוועלע״, ניט זיין ביכעלע, נאָר בריוועלע צו אונדז דער ייִנגסטער און דרייסטסטער פון דעם ווידעראויפגעוואָקסענעם שבט דיכטער אויף אַש און חורבות פונעם אָפּקומענדיקן און אויפקומענדיקן ווײַ־לאַנד — איציק פעפער.

— ווידערוואוקס... אַזוי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן אונדזערע ייִנגערע ברידער־דיכטער פון יענער זייט גרענעץ.

— ווידערוואוקס...

„לאָמיר אויפעפענען דעם ספר הזכרונות פון שוואַרצן פּאַטאָס פאַר די לעצטע פאַר יאָר אין אוקראַינע, מיט וועלכן מיר זיינען שוין געגאַנגען, ווי מיט אַ שוואַרצן יעוואַנגעל צו די טויערן פון שגעון, — וועלן מיר דערפילן אין די קליינינקע ווידערגעוואָקסענע ביכעלעך דעם זומערדיקן ריח פון זאַנגען מיט קערנערלעך ווייַנעדיקע פאַר פרייד.

„מיר׳ן דערהערן דאָס געזאַנג פון תבואה, אויפגעגאַנגען אויף פעלדער פון אַזאַ פאַרוויסטעוועט און פאַרלאָזט לאַנד, פון וועלכן פאַרטריקענישן האָבן פאַרטריבן...

„דאָס ווייַנענדיקע געזאַנג פון תבואה, אויפגעגאַנגענער פון אונטער אָפּגעבריענטן אויבערפלאַך, נאָר מיט בלוט פון קראַפט אינעווייניק פאַר־וואָרלאָזטן ערד־לייב.

„אַזוי וועט אפשר טרעפן.

„צי אַזוי האָט געטראָפן אין דער ווירקלעכקייט פונעם פאַר יעדן און פון יעדן געקרייצטן לאַנד...

— נאָר —

„מיר האָבן קיין צייט ניט צו פרעגן,
מיר דאַרפן ניט וויסן —
מיר האָבן ערשט נעכטן אָן אָנפלי פאַרוואָסן
צעשאָסן,
צעריסן...״ (איציק פעפער — „שפענער״).

אַזוי האָט דאָן דער ענטוזיאַסטישער פלאַם־פייערדיקער פרץ מאַרקיש אויפגענומען, מקבל פנים געווען די יונגע חברה פון אוקראַינע, און צווישן זיי — דעם גאָר יונגן איציק פעפער!

2

לעבעדיק, דרייסט און מוטיק האָט געשפּאַנט איציק פעפער איבער דעם אויפגעברויזטן לאַנד און מיט אים איז טריי מיטגעגאַנגען זיין דיכ־

טעריש געזאַנג. איינער האָט באַגייסטערט דעם אַנדערן. און גאָר גיך זיינען אָנשטאָט שפּענער שוין געקומען, שוין זיך באַוויזן ביי אים — ביימער, שטאַמען, פעסטע שטאַמען.

עס זינגט זיך כסדר אַרויס פון אים, און וואָס וויטער מיט אַלץ קלאָ־רערע און פעסטערע טענער.

די הונדערטער און הונדערטער לידער און פּאָעמען, וואָס זיינען אַרויס־געזונגען געוואָרן פון אים אַלע יאָרן, ביי די פאַרשיידנסטע סיטואַציעס און געלעגנהייטן, און מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און לייכטקייט, מיט אַזאַ העלקייט און ליכטיקייט, זיינען עדות פון זיין כסדרדיקן גיין, שפּאַנען אַלץ פאָרויס איבער שוועריקייטן און שטערונגען. זיינע לידער זיינען טיילן פון פרייד און דראַנג צום לעבן, פון אחריות פאַרן לאַנד, פאַר וועלכן ער קעמפט מיט וואָרט און טאַט.

ער זאָגט אין איינעם אַ ליד:

„האָט די זון געבענטשט מיין לייב מיט בראָנזע,
און מיט שלאַכטן און מיט לידער רינט מיין לעבן...״

דער פּראָצעס פון אָנלאָדונג קומט ביי אים פּאָר גלייכצייטיק מיטן פּראָצעס פון אויסלאָדונג. דאָס זיינען די מעלות און אויך די חסרונות פון זיין דיכטערישן שאַפן. וואָס אויף דער לונג איז אויף זיין דיכטערישער צונג. ער ווערט געטריבן פון דער סטיכיע, ער האָט קיין צייט נישט פאַר רו, פאַר אָפּרו, פאַר אַ ישוב־הדעת, פאַר טראַכטן־איבערטראַכטן. זיין דיכטונג איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון זיינע איבערלעבענישן, פון די אַרומיקע פאַסירונגען, זיי זיינען דעריבער פּראָסט־פּשוטע, נאַטירלעכע, אָפט אפילו — צו־נאַטירלעכע.

אין אַ ליד, געווידמעט י. דאָברושינען, דעם קריטיקער, טוט פעפער אַ זאָג, — אפשר איז עס אַן אָנדייטונג אויף זיינע, דאָברושינס, טענות צו אים:

„מע האָט מיך געוואָרנט:
מע טאָר ניט, מע טאָר ניט,
ווער האָט אַזאַ פראָסטקייט געהערט.
מע האָט מיך געטריבן,
נאָר איך בין פאַרבליבן
אויף דער ערד״.

עס איז זיכער אַן אויטאָכאַראַקטעריסטיק שטריך:

„מיר איז פראָסטקייט פון טריט געפעלן,
וואָס קאָן זיין פּראָסטער פון מיר?״

איציק פעפער האָט אַלע מאָל געוואוסט וואוהין ער גייט, און שטענדיק

געקאָנט ריכטן ווי געהעריק זיין גאַנג לויט אַ באַשטימטן ציל און צוועק. זאָגט ער טאַקע אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער:

„איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט
אין מיין קורצן שמייכלענדיקן לעבן".

ער איז גאָר היימיש מיט זיין דיכטערישן שאַפן, ער לעבט שטענדיק אין פרידן מיט זיין מוזע, און ער פילט זיך מיט איר פראַנק און פריי, און אָן אַן אָנשטעל. ער ברענגט אַרויס זיינע איבערלעבענישן, טראַכטענישן און געפילן לייכט און גוטמוטיק און אפילו גוט־ברודעריש.

ער מאָלט זיך, זיין סביבה, זיין גאַנג און זיינע איבערוואַנדלונגען אָפן און מיט פשוטע ווערטער, וואָס קומען דאָך אַרויס ריטמיש, פול־קלאַנגענ־דיק אין שיינע און אין פיין־קאָמבינירטע געגראַמטע פערזן. עס גיט זיך אים זייער לייכט דאָס מין שרייבן. אין דעם זינען האָט ער געהאַט ענלעכקייט צו אברהם רייזען, — הגם זיין טעמאַטיק, זיין שטאָף איז שוין פון גאָר אַן אַנדערן מין.

אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ציקל לידער „אַ שטיין צו אַ שטיין" (1925) טוט פעפער אַ זאָג צו זיך, און דערביי אויך געווענדט צו אַנדערע:

„איך האָב ליב, ווען ווערטער זיינער באַרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט".

ער האָט אָט־די „באָרועסדיקייט", אָט־די „פּראָסטקייט" נישט אַרויפ־געצויגן אויף זיך. עס איז געווען אין זיין כאַראַקטער. ערגעץ־וואו קאָן מען געפינען קרובהשאַפט צווישן איציק פעפער און ז. ווינפּער — בײדע וואָלינער, — איינער פון שפּאָלע, דער צווייטער — פון טריסק, — בײדע האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך די געבענטשטע באַהאַרציקייט, די גוטמו־טיקע פריידיקייט, וואָס קוועלט און שטראָמט פון אינעווייניקסטע קוואַלן. פאַרשטייט זיך, אַז די צייט, די יאָרן, די אומשטענדן, די שטימונגען, די סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע די צוויי אין תוך ענלעכע דיכטער־זינגער האָבן געלעבט און זיך שאַפעריש געשטאַלטיקט, האָט יעדן איינעם פון זיי און זיין דיכטערישן שאַפן אין לויף פון זייער וואַקסן, גאָר אַנדערש אויסגעפורעמט אין וויטערדיקן אַנטוויקלען זיך און ביים אַדורכמאַכן גאָר אַנדערע איבערוואַנדלונגען.

3

אין לויף פון די 30 יאָר, וואָס איציק פעפער האָט געלעבט־געשאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, — פון 1918 ביז 1948, — איז ער קיינמאָל נישט

געווען קיין זייטיקער באָאַבאַכטער, קיין פּאַסיווער צוקוקער. גלייך פון אָנהויב איז ער מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעצויגן אין די פּאָליטישע און ממילא — אויך אין די סאָציאַלע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע שטרייטן און קאַמפן. אָפטמאָל איז אים אויסגעקומען צו פאַרבייטן די פען אויף אַ ביקס, און אויך אין מיטן פון קאַמף האָט ער נישט אויפגעהערט צו זינגען, באַזינגען די שווערקייטן און די זיגן, די פאַרמעסטן און דערגרייכענישן.

און בלעטערן מיר זיינע לידער־זאַמלונגען, וואָס זיינען דערשינען כמעט יאָר־איין יאָר־אויס אָט דאָ און אָט דאָרטן, שפירן מיר די כסדרדיקע אומוואַנדלונגען, פּאַסירונגען, פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אַרום, און ווי דאָס אַלץ וואָס ער זעט און הערט, פירט ער גלייך אַריבער אויף פערזן, וואָס פאַרמאָגן סיי לירישע מאָטיוון און סיי כראָניק־עפּישע שילדערונגען.

און עס איז ריכטיק, וואָס ער האָט שפּעטער געשריבן אין אַ ליד:

„אַ דאַנק דיר, ליד, אַ דאַנק, געטרייע שוועסטער,
דו האָסט אין אַלע שלאַכטן מיך באַגלייט!"

דאָס זעלבע וואָלט געקאָנט זאָגן דאָס ליד צום דיכטער און דאַנקען אים, וואָס ער האָט אַלע מאָל מיטגענומען דאָס ליד, זיין דיכטונג אין די פאַרשיידענע שלאַכטן און איבערוואַנדלונגען אין אַלגעמיינעם און יידיש־סאָוועטישן לעבן.

דאָס וואָך זיין, דאָס געפינען זיך שטענדיק אויף די קעמפערישע פּאָזיציעס — דאָס איז אַן עיקרדיקער כאַראַקטער־שטריך פון איציק פעפער, דעם סאָוועטיש־יידישן מענטש און סאָוועטיש־יידישן דיכטער.

זיינען דעריבער פיל פון זיינע לידער צאַפּלדיקע, זיי פאַרמאָגן דעם הייסן אָטעם, זיי ציימענען זיך אויס מיט דעם קוועקזילבערדיקן מהות. ער וואַרט נישט אַפּ ביז עס וועט זיך איינשטילן דאָס געשעענע, ביז דער שטורמישער ים וועט אַריין אין זיינע ברעגן. ער איז אויך נישט איבער־קלייבעריש אין דער טעמאַטיק, אין דעם שטאָף, וואָס ער פאַרברויכט אין זיין דיכטערישן שאַפן. „יעדעס שטיבל, — זאָגט ער אין אַ ליד, — איז גרייט פאַר נייע לידער".

און עס איז אויך נישטאָ קיין דיסטאַנץ, קיין ווייטקייט צווישן דער וואָר־ווירקלעכקייט און דעם דיכטער. ער פילט זיך ווי איינער פון אַלע, און ער שטראָפט אפילו זיך אַמאָל:

„צי האָב איך רעכט דאָ זיצן זינגען לידער,
צי האָב איך רעכט צו קלינגען אויף פּאַפּיר,
מיט האַק און האַמער קלינגען מיינע ברידער,
און האַק און האַמער וואַרטן שוין אויף מיר"...

איציק פעפער איז דער עכטער ליריקער, אויף וויפל די לידער זיינען ענג פאַרבונדן מיט זיינע אייגענע אינטימיש־האַרציקע איבערלעבענישן, אויף וויפל ער ברענגט אַרויס אין זיין דיכטונג אייגענע געפילן און זיין געמיט־צושטאַנד. ער ווערט אָבער כסדר געטריבן דורך די סאָציאַלע מאָמענטן, און זיינע לידער פאַרמאָגן מאָבונגען און וואָרנונגען, וואָס ער מאַכט זיך גופא און צו אַנדערע. קאַמפן און שטרייטן אין לאַנד פּרעוואַלירן אין זיין דיכטונג און ער רוקט זיי אַרויס אינעם אויבנאָן. און עס איז פאַרשטענדלעך, ווייל אין די אַלע יאָרן איז אויסגעקומען צו זיין וואַך און געשפּאַנט צו די שונאים, וואָס האָבן געדראָט און געלאָקערט. ער פאַרגינט זיך נישט צו רוען, און עס רוט אויך נישט זיין מוזע. און וואָס עס זאָל נישט טרעפן, איז ער פול מיט גלויבן, אַז מען וועט די פיינט באַזיגן. ער איז ווי אין שטענדיקער מאָביליזירונג.

„ס׳איז יעדער קער מיט מונטערקייט באַהאַנגען,
ס׳איז יעדער שפּאַן מיט מי און בלוט פאַרהיט. —
און יאָרן גייען מיט גלויבנדיקע טריט, —
איך לויף אַקעגן זיי מיט זיכערע געזאַנגען“.

4

און אַט איז מען פון שלאַכטן און שטרייטן אַריבער צו עקאָנאָמישווירטשאַפטלעכע פאַרמעסטן. עס ווערן געגרייט גיגאַנטישע רעקאָנסטרוקציע־פּלענער, און די יידישע דיכטונג, ווי די אַלגעמיינע סאָוועטישע דיכטונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די בוי־פּראָצעסן. פונקט ווי פּרץ מאַרקיש און אַנדערע וויכטיקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, האָט אויך איציק פעפער זיך און זיין מוזע געשטעלט אין דינסט צו די אַלע מעכטיקע פּראָיעקטן. ער פאַרלאָזט דאָס יידישע שטעטל, זיין אייגענע סביבה און זיי באַקאַנטע מענטשן, אַרום וועלכע ער איז אויסגעוואָקסן און טראָגט זיך אַריבער אין אַ נייער וועלט מיט נייע מענטשן, — דאָס רוב נישט־יידן — און ממילא — מיט אַ גאַר נייעם לעבנס־שטייגער און נייע פּראָבלעמען.

אין יאָר 1932 דערשיינט זיין בוך „פּלאַסטן“ (כאַרקאָוו, 184 זייטן), וואו דער הויפּט־העלד איז אַ גאַר נייער פאַר דעם יידישן דיכטער און בכלל — פאַר דעם יידישן לשון. עס זיינען די שאַכטעס אין דאָנבאַס (דאָנעצער באַסיין). דאָס בוך, אין פּערזן, איז געשריבן אין משך פון איבער 2 יאָר. אַלץ איז דאָ ניי, — די טעמאַטיק, די אַטמאָספער, די מענטשן און די לעבנס־באַדינגונגען. עס איז אַ אינטערעסאַנטער פּראָצעס און פּרואוו

פון אַ יידישן דיכטער איינצולעבן זיך מיט נייע מענטשן און פאַרהעלטענישן. דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט די עטלעכע שורות:

„אונטער דער ערדיקער הויט פון דאָנבאַס
ליגן די שאַכטעס צעגאָרנט,
ציען זיך קוילן אַ פּלאַסט נאָך אַ פּלאַסט,
און פּלאַסטן נאָך פּלאַסטן שאַכטיאָרן...״

די סאָוועטיש־יידישע קריטיק האָט אין יענער צייט זיך זייער גוט אָפּגערופן וועגן אָט־דעם נייעם גאַנג אין פעפערס דיכטערישן שאַפן און באַטאָנט די נייע מאָמענטן און טענער אין דער דיכטונג פון פעפערן, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף נייע וויניק־באַקאַנטע און וויניק־באַטראָטענע וועגן. אויך אין דאָנבאַס רופט זיך איבער איציק פעפער מיט זיין היים, מיט זיין שטעטל, מיט זיינע באַהאַרצטע פאַרשוינען. ער פירט אַרויס, צווישן די אַלע פאַרשיידענע נישט־יידן, דעם געוועזענעם בעל־עגלה פון שטעטל גדליה געץ, וועלכער איז נתפעל פון אַלץ, וואָס ער זעט און הערט אַרום. און פעפער דערציילט:

„און אַ בריוו האָט גדליה געשריבן אַהיים,
און אַ גרוס האָט גדליה געשריבן
דער אַלטער שקאַפע, וואָס איז אין דער היים
פון זיין אַלטער פּראָפעסיע פאַרבליבן...״

אין עטלעכע ערטער מאַכט ער פאַרגלייכן מיט דעם פריערדיקן לעבן אין אָט־די שאַכטעס און מיט די אַמאָליקע שרעקלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן דאָ געהערשט. די שאַכטעס לעבן, אָטעמען און ווייזן אַרויס זייער נייעם כוח און דראַנג:

„צעשרייט זיך ׳ענערגיע׳ מיט שטרעקן און לאַוועס,
צעהילכן זיך שאַכטעס אַרום דער ׳ענערגיע׳,
צעהודען זיך צעכן אַרום אַלע שאַכטעס.
און ס׳טראָגט זיך דאָס קול איבער צוגן און שיפן,
דאָס קול פון די שלאָגלערשע מאַסיוון...״

5

די יאָרן גייען, און די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אַנטוויקלונגען אינעם לאַנד, מאַכן־מיט אַלדי פאַסירונגען און געשעענישן אינעם אַלגעמיינעם און יידישן סאָוועטישן לעבן. איציק פעפער רוקט זיך אַרויס ווי איינער פון די אַקטיוו־

סטע און פראָדוקטיוווסטע דיכטער־שרייבער אין לאַנד. ער איז שאַפעריש־טעטיק אין אוקראַינע און אויך אין מאָסקווע, וואו ער הויבט אָן פאַר־נעמען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אינעם דאָרטיקן פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן.

נאָך זיין בוך „פלאָסטן" (1923) דערשיינען אין כאַרקאָוו, קיעוו, מאָסק־ווע זיינע ווערק:

„געזאַמלטע ווערק", ערשטער באַנד (1918־1925), 1932, 272 ז"ז.
„לידער און פאָעמעס", צווייטער באַנד (1925־1928) 1934, 302 ז"ז.
„מיט היינטיקע אויגן", דריטער באַנד (1928־1930), 1934, 160 ז"ז.
„פיילן אויף מיילן", 1935, 184 ז"ז.
„געקליבענע ווערק", 1938, 234 ז"ז.
„גרויסע גרענעצן" (ראָמאַן אין פערזן), 1939, 320 ז"ז.
„וואונדערלאַנד", 1940, 260 ז"ז.

און אָט ברעכט אויס דער וועלט־קריג, און די היטלערישע באַוואָפנטע מערדער־באַנדעס לאָזן זיך אויף שטעט און לענדער, מאַכן חרוב און צע־שטערן בעיקר די יידישע ישובים און פאַרפייניקן און ברענגען אום מיט אַ באַזונדערער אכזריות די יידישע באַפעלקערונג אומעטום וויט מוראדיקע אויסראָט־פּלענער. פריער אין פוילן, ליטע, דערנאָך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס ווערט געשאַפן אין מאָסקווע דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט פון יידישע שרייבער און קינסטלער, וועלכער שיקט אַרויס זיין היסטאָרישן מאַניפעסט „צו די יידן פון אַלע לענדער" (זע די „יידישע קולטור" פון די יאָרן 1941, 1942, 1943 א. אַז. וו.). צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע יאָרן פאַרנעמען מיר טיף־רירנדיקע רייד און ווערטער פון גרויסער אחריות „פאַרן גורל פונעם יידישן פאָלק, וואָס איז דורך דעם ווילן פון דעם היס־טאָרישן גורל צעשפרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט" א. אַז. וו.

מיר האָבן איצט קיין מעגלעכקייט נישט פאַנאַנדערצעוויקלען די פולע מגילה, די פיינפולע און העראָאישע, פון יענער צייט, פון די יאָרן 1939־1943, ווען די יידן פון דער גאָרער וועלט, צוזאַמען מיט די בעסערע זין און טעכטער פון אַלע פעלקער, זיינען געוואָרן געאייניקט מיטן ווילן און דראַנג צו באַקעמפן די בעסטיאַלישע האָרדעס, וואָס זיינען באַפאַלן פריד־לעבע פעלקער און אויסגעמאָרדעט מיליאָנען און פאַרוויסט אַ שטיק וועלט. זומער 1943 זיינען געקומען צו אונדז קיין אַמעריקע, ווי אויך אין אַ צאָל

אַנדערע לענדער, די געהויבענע שליחים פונעם סאָוועטישן יידנטום — שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער. מיר אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו די שליחים, זיך באַטייליקט מיט זיי אין די גרויסע און קלענערע פאַרזאַמלונגען, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע גרויסע, דערהויבענע טעג און וואָכן, ווען די שליחים זיינען געווען מיט אונדז. עס געדענקען זיך די אַלע צונויפקומס מיט מיכאָעלס און פעפער און זייערע אַרויסטרעטונגען פאַר צענער טויזנטער יידן. איציק פעפער האָט דאַן, ווי זיין עלטערער חבר און קאָלעגע, ש. מיכאָעלס, צוגעצויגן אונדזערע אַלעמענס הערצער. מיר האָבן דאַן אַרויסגעגעבן זיינע פרעכטיקע, מאָנענ־דיקע, וואָרנענדיקע לידער־זאַמלונגען: „רויטאַרמייאיש", „היימלאַנד", און דערנאָך — זיין אויפטרייסלענדיק בוך „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", (ניו־יאָרק, 1945, 76 ז"ז).

6

די פאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" אין 21 קאַפּיטלען, וואָס איציק פעפער האָט אויסגעוויטיקט און אויסגעפּיבערט אין דער צייט פונעם גרויזאַמען וועלט־קריג און גרויליקער היטלער־אָקופּאַציע, פאַר־נעמט אַ גאַר באַזונדערן אָרט אינעם דיכטערישן שאַפן פון דעם פרעכטיקן זינגענדיקן פּאָעט. אין לויף פון די פאַר יאָר פון דער היטלערישער מגפה און היטלער־חורבן, האָט ער פאַרפאַסט אַ גרעסערע צאָל צער־און צאָרן לידער, ווי אויך מונטערע, וואָרנענדיקע, האָפנונגספולע און סטימולירנדיקע געזאַנגען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פּאַטאָס און מיט זייער גלויבן אינעם ענדגילטיקן זיג איבער דעם ווילדן ווייסטן שונא. גאָר עפּעס אַנ־דערש איז די זעלטענע פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", וואו עפּישע בילדער מישן זיך כסדר מיט וויזיאָנערישע שילדערונגען, וואו וואָר און פאַנטאַסטיק בייטן זיך כסדר. ס'איז צום באַוואונדערן ווי דער דיכטער, וואָס איז אין וואַרשע נישט געווען און דאָרטן נישט געלעבט, האָט באַוויזן פאַנאַנדערצעווייקלען אַזאַ טיף־דערהויבענע פיל־קאָלירנדיקע מגילה פונעם רייכן, גייסטרייכן יידישן לעבן און פון אָט דער מערקווירדיקער אַלטער יידיש־פּוילישער שטאָט און די קרעפטיקע קערנדיקע יידן.

„שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" שטייט אין איין ריי מיט אַ צווייטן גרויסן ווערק, מיטן „ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", וואָס ס'האָט ממש אויף אַ נביאישן שטייגער אַרויסגעבראַכט דעם גרויסן בראָך, דעם

מוראדיקן חורבן פון דעם יידישן פוילן, פון דער יידישער וואַרשע, געשאַפן דורך דעם קדוש יצחק קאַצענעלסאָן.

עס לאָזן זיך מאַכן ווייט־גייענדיקע פּאַראַלעלן צווישן אָט די צוויי דיכטער און זייער זעלטן־יידישע הייליקע ווערק, געווידמעט דעם בלוטיקן מבול.

„שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" איז שטאַרק באַוואוסט אין דער יידישער וועלט. פראַגמענטן און טיילן פון בוך ווערן כסדר פירגעלייענט אויף געטאָ־פייערונגען. מאַקס העלפמאַן, דער באַוואוסטער יידישער מוזיקער קאָמפּאָזיטאָר, האָט פאַרפאַסט מוזיק פאַר דער פּאָעמע, און אונטערן נאָמען „די נייע הגדה" ווערט עס געזונגען דורך יידישע כאָרן אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער מיט גרויס דערפאָלג.

מיר גיבן איצט אַרויס די נייע אויפלאַגע די „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", — איינס פון די טראַגיש־דערהויבענע און יידישסטע ווערק — לויט דער נייער באַאַרבעטונג פון דעם דיכטער, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין בוך „שיין און אָפּשיין" (מאָסקווע, 1946, 214 ז"ז).

ס'איז אַ באַזונדערע אויפגאַבע צו באַווייזן די ענדערונגען (בעיקר סטיליסטישע), וואָס דער דיכטער האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעמע.

7

איצט, צום 15טן יאָרטאָג נאָכן אַרעסטירן אונדזער טייערן און אייגענעם איציק פעפער, באַדאַרף מען לייענען איינס נאָך איינס זיינע לידער, וואָס ער האָט ווידעראַמאָל אין אַזאַ שפע פאַרעפנטלעכט אין די לעצטע עטלעכע יאָרן פון זיין שאַפעריש־שטורמיש לעבן. מיר האָבן אין זיין „רויטאַרמייאיש" דאָס ליד „די שבועה", דאָס אויפטרייסלענדיקע ליד „מיין טאַטע" און נאָך און נאָך פרעכטיקע, טיף־יידישע און ענטוזיאַסטישע לידער (אויסער דאָס ליד „סטאַלין", וואָס הלוואי וואָלט ער עס נישט געשריבן!). די לידער־זאַמלונג פאַרענדיקט זיך מיטן באַרימטן ליד „איך בין אַ ייד" וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער.

אין 1946 האָט איציק פעפער אַרויסגעגעבן דאָס בוך לידער „שיין און אָפּשיין" און דערנאָך, אין 1948, ערב דעם פאַטאַלן אַרעסט, אַרויסגעגעבן אַ לידער־בוך מיט אַזאַ רייצנדיקן מוטיקן און פריידיקן נאָמען „אויפּסניי" (244 ז"ז), וואָס באַשטייט פון 7 אָפּטיילן: אויפסניי, לעבן מיינס, אומ-

שטערבלעכע, אונטערוועגנס, הויכע שוועלן, מיר ווערן געניטער, אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

אין די לעצטע לידער־זאַמלונגען זיינען פאַרעפנטלעכט צענדליקער פּרעכטיקע, שיינענדיקע און זינגענדיקע לידער, וואָס ווייזן, אַז איציק פעפער איז ווי פונדאַסניי אויפגעלעבט געוואָרן. ער איז געוואָרן קרעפ־טיקער, גייסטרייכער און קאָלירפולער סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם.

ער זינגט און פאַרכלינעט זיך ממש מיט דער פרייד, מיטן אימפעט, מיט די נייע אויסזיכטן, וואָס האָבן זיך פאַר אים, פאַרן יידישן פאָלק, ווי פאַר די סאָוועטישע ברידערלעכע פעלקער פאַנאַנדערגעעפנט.

רופט ער אין דעם ערשטן ליד:

„איז לאָמיר אַ וועק טאָן די קרעפטן אויפסניי,
די אַלטקייט מיט יונגקייט באַהעפטן אויפסניי".

און אין סאַמע מיטן פון די נייע גרויסע דיכטערישע פאַרמעסטן, האָט מען אים און זיינע ברידער־קאָלעגן אַרעסטירט און לסוף, נאָך 3 יאָר פּיי־ניקונגען, תפיסה, דערנידערונגען, גרויזאַם אומגעבראַכט.

זיין לעצט לידער־בוך „אויפסניי" (מאָסקווע, 1948) האָט פון פאָרנט אַ טרויעריק־טראַגישע ווידמונג:

„דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאָטער שלום בן אברהם שמואל פעפער איז דאָס בוך געהייליקט. זאָל עס זיין אָנשטאָט אַ קראַנץ אויף דעם אומבאַוואוסטן קבר פונעם פאָלקס־מענטש, וועמעס אויגן עס וועלן שוין מער ניט זען דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. זאָל דאָס בוך 'אויפסניי' זיין נאָך אַן אויסדרוק פון נקמה אין די מענטשן־פיינט, וועלכע האָבן פאַרגאָסן דאָס אומשולדיקע בלוט פון מיין פאָטער".

וואָס קאָן מען צוגעבן צו אָט־די וויטערדיקע, טראַגישע שורות?

1963

שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ

א

זיי בלאָנקען אַרום איבער געסלעך און ליקן,
זיי קלאַפּן אין חושך פון טירן צעפּראַלטע,
זיי קלאָגן ביי חורבות, זיי שלאָפן אויף בריקן,
זיי פאַלן אויף פינצטערע שליאַכן אויף קאַלטע,
זיי הייבן זיך ווידער און וואַנדערן מידע
דורך אָפּגרונטן גרויע, דורך באַרג־שפּיצן גרינע,
זיי האָבן נאָך אַלץ ניט דערזאָגט זייער ווידוי,
זיי קאָנען נאָך אַלץ זייער רו ניט געפינען.
אין מאָרגנס אין פריע, אין אָוונטן שפּעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

זיי בלאָנקען פאַרשטויבטע, זיי בלאָנקען פאַרשנייטע,
דורך גאַסן פאַרלאָזטע, דורך סעדער געטויטע,
זיי שוועבן ביי טייכלעך דורך שטילע קאַמישן,
זיי פליען אין בלייענע וואָלקנס געקליידטע,
זיי קומען אין הייזער, זיי זיצן ביי טישן
און ניט ווי קיין אורחים, וואָס וואַרטן אויף עפּעס.
זיי קומען, ווי ס'קומען די נעכט אין די סטעפּעס,
זיי קומען ווי שיפן אין האַפנס פון ימען,
זיי קומען ווי קינדער אַהיים צו דער מאַמען.
מע זעט זיי, די שאָטנס, אויף גאַנקעס, לעם פאַרקנס,
אויף שטומע לוויות, אויף רוישיקע מאַרקן,
און ניט ווי קיין בעטלערס די שאָטנס זיך ציען,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, מיט בליקן פאַרוועבטע,
זיי בלאָנקען אַרום ווי געקעפּטע נביאים,
מיט קרוינען פון רום אויף די קעפּ די געקעפּטע,

זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער גרויזאַמען גורל,
און זייער פאַרבאַרגענער טרוים די געפאַר איז,
זיי בלאָנקען אַרום אויף דער וועלט ווי בונטאַרעס,
וואָס האָבן אין שלאַכט דאָס געווער ניט פאַרלוירן.

און ס׳קען זיי די ווייסל, און ס׳קען זיי דער ניעמאָן,
און ס׳הוידען ביים ירדן זיך זייערע נעמען,
און ס׳זעט זיי די וואָלגע דורך רויכן פון צפון,
און ס׳זיינען די בערג זיי דעם וועג ניט פאַרלאָפן.

דורך וועגן צעביילטע, דורך יאָרן געפּלעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

ב

דורך וועגן צעביילטע, דורך יאָרן געפּלעטע,
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

איך שעלט מיינע פינגער, וואָס זיי זיינען פינגער,
און ניט קיין פאַרסמטע, פאַרגיפטעטע קוילן.
און ס׳בריט דער געווויסן, וואָס כ׳אָטעם, וואָס כ׳זינג גאָר,
וואָס כ׳בין ניט דאָס יינגל דאָס ברוינע פון פוילן,
דאָס יינגל פון וואַרשע, וואָס איז ווי אַ מלאך
געקומען צו מיר אין אַ נאַכט אין אַ גרויער,
דאָס וואַרשעווער יינגל, — אַ גרויסן מהלך
איז ער דורכגעשוואומען אויף פליגל פון טרויער,
ביז ער איז געקומען פון פינצטערע קאַנטן,
אַ שוועב טאָן אָט דאָ לעם מיין זוניקן טויער.
ס׳איז גאָר ניט קיין פליגל, אַ בלוט־רויטער מאַנטל
איז הענגען געבליבן לעם שכנישן פענצטער.
און ס׳האָט זיך דאָס יינגל, דער שאָטן פון געטאָ,
פון שאָטנס פון אַלע דער יינגסטער, דער קלענסטער,
געלאָזט מיט די וועגן, וואו קיינער געטרעט האָט.

דער מאַנטל איז הענגען געבליבן אין דרויסן
אויף עפּעס אַ בוים אַ באַיאָרטן און גרויסן.
דער ווינט האָט צעוויט זיינע פאַלדן די ברייטע.
ס'איז גאָר ניט קיין מאַנטל. אַ פאָן האָט געוויט דאָ!
די פאָן האָט געפלאַטערט מיט פליגל צעשפּרייטע
אין אויפשטאַנד פון געטאָ. און דאָס האָט פון שלאַכט זי
דאָס וואַרשעווער ייִנגל צו מיר היינט געבראַכט זי.

ער האָט זיך געטראָגן דורך וועלדער פאַרטויבטע,
באַגלייט האָט אין וועג אים די ערד די באַרויבטע;
און טרערן פון קינדער און רופן פון קדושים —
באַגלייט האָט אין וועג זייער הייליקער רויש אים.
עס האָבן באַגלייט אים צעשטאָכענע אויגן
און הערצער, וואָס האָבן אויף שפּיזן געפלאַטערט,
און געגנטן גאַנצע מיט רויכן פאַרצויגן,
און וואונדן, וואָס האָבן דורך דורות געיאַטערט.
דער הימל אַליין האָט די וועגן געשפּרייט אים,
פון חורבות און ביינער דער אַש האָט באַגלייט אים.
און שטיל האָט די פאָן אויף די צווייגן געפיבערט,
ווען ער איז די שוועל פון מיין וואוינונג אַריבער.

— שטיי אויף! — האָט דאָס ייִנגל פון געטאָ באַפוילן. —
שטיי אויף, לאָמיר פליען צו קברים פון פוילן.
געבענטשט זיינען די, וואָס געדענקען די קברים,
וואו ס'ליגן די קדושים מיט הערצער מיט קלאָרע!

די פאָן וועט אונדז פירן דורך בערג און דורך ימען,
די פאָן וועט אונדז פירן. מיר פליען צוזאַמען.

ג

די פאָן וועט אונדז פירן דורך בערג און דורך ימען,
די פאָן וועט אונדז פירן. מיר פליען צוזאַמען.

דער הימל פון מאָסקווע — ער האָט ניט געדרעמלט,
ער האָט זיך צעלויכטן מיט שטאָלצע סאַליוטן,
און ליכטיק געווען איז אין הויף פונעם קרעמל,
און אַלץ האָט באַגלייט אונדז, געשיינט אונדז צום גוטן.

דער וועג ביי דער שיין פונעם קרעמל ווערט ברייטער,
און ס'ווערט אַזוי ערדיש פון שטערן דער שמייכל.
מיר פליען. וואוהין? אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.
מיר פליען און קאָנען זי אַלץ ניט דערגרייכן,
אַזוי איז זי ווייט פון מיין היים, פון מיין שכל,
אַזוי איז זי נאָ'נט צו מיין בראָך און מיין ווייטיק.
מיר פליען אַ טאָג שוין, מיר פליען שוין צוויי טעג,
מיר פליען אַ חודש, אַ יאָר איז פאַרלאָפן,
אַן אייביקייט איז שוין פאַרגאַנגען. מיר פליען.
און קאָנען נאָך אַלץ צו דעם ציל ניט דערציען.
ווער פליט עס? דאָס יינגל מיט אַש אין די אויגן
און איך מיט מיין אומזין, וואָס וויל זיך ניט בייגן.
ווער פליט עס? עס פליט אונדזער ווי, אונדזער צאָרן,
צי ס'פליט אונדזער מוט, וואָס איז רייפער געוואָרן?
נאָר ווער ס'זאָל ניט פליען, וועט קומען בשלום,
אויב ס'איז נאָר פון שימלדיק וואַסער זיין בלוט ניט,
אויב ס'טראָגט אים אין וועג דער געווויסן, וואָס רוט ניט,
אויב ס'איז נאָר זיין טרוים און זיין שוואונג ניט קיין חלום.

מיר פליען, ווען טויב ווערן וועלדער און ברייטן,
מיר פליען נאָר דעמאָלט, ווען ס'רוקט זיך די נאַכט אָן,
ווען שאָטנס פון געטאָ אין וועג אונדז באַגלייטן
און רינגלען אַרום אונדז ווי רויכן נאָך שלאַכטן.
זיי שווימען אונדז נאָך און באַקוקן די וועגן,
זיי שוועבן פאַרויס אינעם רוים אינעם פוסטן,
מיט פויסטן, וואָס ווייסן דעם טעם פון געשלעגן,
מיט הערצער, וואָס ווייסן די פרייז פון פאַרלוסטן,
מיט ליידן, וואָס האָבן פאַר זיך ניט קיין ברעגן.
— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס ווייסן אפילו די קינדער אין וויגן:
אַ מענטש האָט זיין שאָטן, אַ מענטש וועבט זיין ניגון,
דער ניגון פאַרגייט, און דער שאָטן באַגלייט אים,
און שלאַנק איז דער שאָטן פון מענטשן, ווען ס׳גייט אים,
עס קנייטשט זיך דער שאָטן, ווען ס׳קנייטשט זיך דער גורל
פון דעם, וואָס מיט אים איז דער שאָטן פאַרבונדן,
די שאָטנס פאַרשווינדן, ווען מענטשן פאַרשווינדן,
און נאָר פון חכמים און נאָר פון גיבורים
פאַרבלייבן די שאָטנס באַגלייטן די דורות,
די דורות באַגלייטן, באַשײַנען, באַצירן,
ביי קינדער און קינדס־קינדער טיף זיך פאַרקאַרבן,
איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פאַרלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטאַרבן!

ד

איז לאָמיר די שאָטנס אין וועג ניט פאַרלירן,
און זאָל זייער אומרו ניט וועלקן, ניט שטאַרבן.

מיר פליען, דער מוט האָט צעפּראַלט אונדז די טירן
און האָט אונדז געבראַכט מיטן וועג אָט דעם הארבן
אין אָפּגרונט פון ווײ, אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.
אָט ליגט שוין דער אָפּגרונט פאַר אונדז אַ צעשפּרייטער.

מיר פליען אַראָפּ פון די וואָלקנס די שפּעטע
און פאַלן אַריין אין דער וואַרשעווער געטאָ.
נאָר וואו איז דאָס יינגל, מיין גוטער באַגלייטער?
איך שפּיר ניט זיין אָטעם, איך הער ניט זיין קעלכל,
אַן איינזאַמער בלייב איך. וואו איז ער? וואו שטייט ער?
ביי וואָס פאַר אַ טרויער, אין געסל אין וועלכן?

איך בלאָנקע און רוף אים. איך ווייס ניט זיין נאָמען.
אַ ווידערקול ענטפערט פון חורבות און שטיינער,

פון חרובע הויפן, פון לײדיקע קראָמען,
פון װענט מיט פּידאַשקעס, װי סטאַרטשנדע בײנער,
פון אַלטן בית-מדרש, װאָס ליגט אַ געטױטער.
פון װיגלעך, װאָס װיגן אַלײן זיך אין אומעט.

פאַרבײ פליען פעדערן װײַסע און רויטע,
פאַרבײ בלאַנקען שאָטנס צעהוידעטע, שטומע,
נאָר אײנער ניטאָ איז. פאַרשװאונדן. אַנטרונען
דאָס װאַרשעװער ײנגל. די שטערן זיך מינען.
זײ װײַסן פון גאָרניט. זײ שײַנען װי פריער
און גיסן די שײַן אויף די ראַנדן פון תליות.
דער װינט װײַסט פון גאָרניט. װי נעכטן ער װײט דאָ,
דער אומגליק האָט אים מיט זײַן שװאונג ניט צעשײדט דאָ,
ער טראָגט זיך אַרום איבער געסלעך און שטיבער,
ער שפּילט זיך מיט פעדערן לופטיקע, גרינגע,
זײ פליען צו קברים, צו בערגלעך, צו גריבער
אויף לײגן זיך אונטער די קעפּ די געטױטע,
די נאָך ניט באַערדיקטע קעפּ פון די קדושים.

איך זוך אַלץ דאָס ײנגל, מײַן גוטן באַגלײטער,
איך זוך צװישן שאָטנס אין װאַרשעװער חושך.
אומזיסט איז מײַן זוכן, עס ענטפערט דער װינט מיר
אויף קברים, אויף אַשיקע בערג ער געפינט מיך.

דער װינט קאָן ניט רוען. אָט איז ער אין סאָד דאָ,
ער קלאַפּט אין די קאַנטן פון שױבן צעזעצטע.
ער נישטערט אַ בלאַט פון אַן אַלטער הגדה,
אַ בריװ פון די מורדים, די שלאַכטלײט, אַ לעצטע
מיט אַש אַ באַזומטע, אין בלוט אַ צענעצטע,
אַ זײטל מיט פּרצעס שורות געטאָקטע.
אַ שטיק ספר-תורה ער פּרואװט זיך אַ טראָג טאָן,

נאָר ס׳װערט זיך דער פאַרמעט און בלײַבט אויף דער ערד דאָ,
און ס׳װײט פון געלעסטערטע אותיות מיט װערדע,

מיט ווערטער געזאָגטע און נאָך ניט דערזאָגטע,
אַ וויגל אַ ליידיקס ער פּרואווט זיך פאַרוויגן,
ער וויגט עס און ברומט זיין קדמונישן ניגון,
וואָס ער האָט געברומט נאָך אין תוהו־ובוהו.
ביים אָנהייב פון וועלטן, אין נעפּלען אין גרויע...

די נאַכט רוקט זיך בייז ביי פאַררויכערטע ווענט דאָ,
און שטערן מיט שטערן אָן ווערטער זיך קריגן,
און ס'וואוינען בשכנות ביי הייזער פאַרברענטע
די בריוו פון די העלדן, וואָס פלאַטערן אויף ציגל,
די שורות פון „בראשית", דאָס בלוט און דאָס וויגל...

פאַרשוואונדן דאָס ייִנגל, מיין גוטער באַגלייטער,
איך בין ניט קיין היגער אין געטאָ, די וועגן
איך ווייס ניט. איך בלאָנקע. ניטאָ וועמען פרעגן,
ווי קאָן איך גאָר זיין אין אַ וועלט אין אַ צווייטער
אַליין דאָ, אַ פרעמדער. ווי האָט ער געקאָנט דאָ
אַליין מיך פאַרלאָזן. איך בלאָנקע, איך פלאָנטע,
איך רוף אים, איך רוף אים, און ער איז ניטאָ מער.
איך וואָלט זיך צעיאָמערט, ווען ס'העלפט מיר דער יאָמער,
איך וואָלט ווי אַ חיה אין וויסטע צעהוילט זיך,
ווען ס'וואָלט מיר געהאָלפן. נאָר איך האָב געשוויגן.

די נאַכט האָט מיט בראָך און מיט אומעט געקנוילט זיך
אין בריוו פון די העלדן, וואָס פלאַטערן אויף ציגל,
אין שורות פון „בראשית", אין בלוט, וואָס אין וויגל.
איך וואַרט, מיין באַגלייטער זאָל ווידער זיך ווייזן,
מיר דוכט זיך: ניט ווייט, אין אַ חרובן הייזל
איך זע אים, דעם שאָטן, מיין העלן באַגלייטער,
מיר דוכט, אַז צו מיר פון דער פינצטערניש גייט ער,
מיר דוכט, אַז ער הייבט זיך פון בלוט און פון נעפּל,
עס שליסן זיך ביינער מיט ביינער צוזאַמען,
עס נעמען די לונגען די לופט אין זיך שעפּן,
און ס'נעמען די ליפּן צו פליסטערן: „מאַמע".

ס'האָט אָדער צו אָדער געגומען זיך שליסן,
דאָס בלוט אין די אָדערן הייבט שוין אָן פליסן,
אַ הויט האָט די אָרעמע גלידער פאַרצויגן,
און ס'האָבן צוויי פונקען געגליט אין די אויגן.

איך לאָז זיך צו אים, נאָר אין נעפל אַנטרינט ער,
ס'אַ חלום. אַט קומט ער צו מיר. אַט פאַרשווינדט ער.
וואו איז ער? וואו איז ער? איך זוך זיינע אויגן,
איך בין שוין די חרובע שטאָט דורכגעפלויגן,
דאָס יידישע פעלד און דעם פוילישן צווינטער
און יאָג זיך אַלץ ווייטער. איך נישטער די וועגן.

אַט קומען מיר יידישע שטעטלעך אַנטקעגן,
מיט קוימענס, מצבות — פאַרגליווערטע גולמס,
בית-עולמס, בית-עולמס, בית-עולמס, בית-עולמס
איז היינט זייער גרויזאָם און בלוטיק פאַרמעגן.

אַט קומען אַנטקעגן מיר דערפער אין פייער,
מיט ליידיקע כאַטעס, מיט ליידיקע שייערס,
מיט קעלבער, וואָס לויפן אַליין צו דער שחיטה,
מיט ציגעלעך ווייסע צום פלאָס צוגעשמידטע.
אַט שווימען שוין פעלדער מיט ביינער פאַרזייטע,
מיט איינזאַמע זאַנגען אויף בלוטיקע וועגן,
אַט רוקן זיך וועלדער געדיכטע און ברייטע
און טראָגן מיר חרובע נעסטן אַנטקעגן,
און טראָגן אַנטקעגן מיר ביימער און שטאַנגען,
מיט שטריק, ווי די רינגען אויף נאַקעטע צווייגן,
מע הערט ניט קיין רויש דאָ, קיין פויגל-געזאַנגען,
עס זינקען פאַרסמאַליעטע וועלדער אין שווייגן,
און זעלטן דערהערט מען: אַ האַק גיט אַ בויטע
די נאַכט די געדיכטע, די שטילקייט די טויטע,
אַ האַק גיט אַן אוראַלטע יאָדלע אַ שפּאַלט דאָ,
אַ בוים טוט אַ קרעכץ און אַ סקריפּ און אַ פאַל דאָ.

און זעלטן דערהערט מען אַ שאָרך פון אַ חיה,
וואָס טאַפּט מיט די לאַפּעס די סטעזשקעס די נייע
און זוכט דאָרט אַ נאָרע אויף קאַנען באַהאַלטן
אַ קינדעריש העמדל, אַ שטיוול אַן אַלטן,
וואָס זי האָט געבראַכט פון דער געטאָ צו שלעפּן.
דורך ווילדקייט, דורך שטילקייט, דורך וואַלדישן נעפּל
דערהערן אויך אוראַלטעביימער מיט שטוינונג
אַ קלונג פון אַ מעסער, אַ שאָס פון אַ ברוינינג.

איך לויף, און די פיס ווערן מידער און מידער,
אַ בלייענע מידקייט פילט אָן מיינע גלידער,
איך פאַל אויפן גראָז אויפן פייכטן און פרישן,
אַ צווייג איז מיין קאָלדרע, אַ פּניאַק איז מיין קישן.
און ווי נאָר איך שליס די פאַרמאַטערטע אויגן,
קומט ווידער דאָס יינגל פון הויך ווי אַ פויגל,
ער קומט פון אַ וואַרשעווער געסל אַן ענגן
מיך פירן אין הייזער, וואָס זיינען פאַרברענט שוין,
באַווייזן דעם אַש און דעם וואונדער פון מענטשן...
די פליגל ער לאָזט אין דער פינצטערניש הענגען,
ס׳איז גאָר ניט קיין פליגל, דורך דורות פאַרגעטערט,
ס׳איז הענגען געבליבן אויף גרינעם געבלעטער
אַ בלוט-רויטער מאַנטל מיט פאַלדן מיט ברייטע.
ס׳איז גאָר ניט קיין מאַנטל. אַ פאָן האָט געוויינט דאָ.

— שטיי אויף! — האָט דאָס יינגל מיר ווידער באַפוילן, —
שטיי אויף, לאָמיר פליען צו קברים פון פוילן!

ער קומט אויף אַ ווייל נאָר אין חלום צופליען
דעם אומגליק דערמאָנען, דעם ווייטיק צעגליען,
זיין היים מיר באַווייזן, דעם מוט אין מיר וועקן,
דעם גורל פון יוגנט פון זיינער אַנטפּלעקן.

אָט דאָס איז די פּרעכטיקע הויפּט-שטאָט פון פוילן?
וואו זיינען די גאַסן? וואו זיינען די שטיבער?

צעהרגעט, צעאַקערט דורך באָמבעס און קוילן,
זיך וואַלגערט די חרובע שטאָט איבער גריבער,
אין אַש ליגט איר חרובע שיינקייט צעטראָטן,
עס טליען די גאַסן נאָך ווי האַלעווּשעקעס,
עס בלאָנקען אויף קברים פאַרלוירענע שאָטנס,
און ס׳זוכן די ראָבן צו קברים די סטעזשקעס.
עס שטייען ווי צאַמען די נאַקעטע ווענט שוין,
עס שטומען די געסלעך אין חשכות פאַרזונקען.

רבונו-של-עולם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געטאַנצט און געזונגען!

ה

רבונו-של-עולם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געטאַנצט און געזונגען.

דאָ פלעגן זיי שעלטן, דאָ פלעגן זיי בענטשן,
דאָ האָבן פון שטויב זיך געהויבן די יונגען,
דאָ זיינען געוואַקסן ביי יונגען די פליגל,
דאָ האָט מען געוויינט, און געלאַכט, און געשריגן,
דאָ האָט מען די קינדער געוויגט אין די וויגן,
דאָ האָבן זיך קינדער צו מאַמעס געטוליעט,
דאָ האָט מען אויף חתונות גרויסע געהוליעט,
מע פלעגט אויף לוויות דאָ טרערן פאַרגיסן
און ווידער פון ניכטערן לעבן געניסן.
דאָ האָט מען געניִיט, און געקלאַפּט, און געטעסעט,
דאָ האָט מען געהאַט סיי דעם יאָך סיי דעם נחת
פון שטייגן מיט וויטיק, פון פאַלן מיט חסד,
פון לעבן דער פיינטלעכער וועלט אויף להכעיס.

רבונו-של-עולם! אָט דאָ האָבן יידן
דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דורות געצויגן?

די גאָלדענע קייט פלעגן יידן דאָ שמידן?
די גאָלדענע פאַווע מיט מיידלשע אויגן
האָט דאָ זיך אַ נעסט אין די סעדער געשאַפן?
דער גאָלדענער טרוים האָט געהאַט דאָ אַ האַפן?

אָט דאָ, וואו די נויט האָט געיאָגט און גענישטערט,
מיט פייפן פון בייטשן אין סם אַ פאַרמישטע?

אויב יאָ, איז די נעסט שוין פון הויכן געפאַלן,
דער גאָלדענער פאָדעם איז הענגען געבליבן
אויף זוניקע, ווייטע צעשאָסענע שטראַלן,
דער טרוים לעבט אין וואַלד אין אַן ערדיקן שטיבל,
און וואו איז די פאַווע, קאָן קיינער ניט זאָגן —
אויף וואַרשעווער גאַסן געבליבן איז קיינער,
וואָס זאָל כאָטש איר הימלאָזע שיינקייט באַקלאָגן.
עס שוויגן די שוועלן. עס שטומען די שטיינער,
עס שטאַרבן דאָ ווערטער נאָך ניט קיין גערעדטע.
דאָס זיינען די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ.

מיר קוקן אַריין אין די היימישע פענצטער,
מיר זוכן פון לעבנס די שפורן די קלענסטע,
מיר זוכן די טיכלעך מיט טרערן באַנעצטע,
מיט טרערן, מיט בלוט און פון ווייטיק געוועבטע,
מיר זוכן די יידישע שפורן די לעצטע,
פון טרוימען געטרוימטע, פון לעבנס געלעבטע,
פון ליבעס געשפילטע, פאַרשפילטע, געפלעטע...

מיר קוקן אַריין אין די הייזער פון געטאָ,
דאָ לעבן איצט שונאים. דאָ וואוינט דער בזיון
אין היימען געשענדטע מיט פענצטער צעזעצטע,
דאָ שוועבט נאָך דער אָפּהילך פון שאָסן פון לעצטע,
דאָ הילכט נאָך דער לעצטער געשריי פון די פרויען,
און ס׳ליגן די רויבערשע לאַפּעס פאַרקרעצטע
אויף ציכטיקע קישנס. דאָ הערט מען נאָך קויען,

דאָ הערט מען נאָך בראָדיען אין אומעט פאַרבאָרגן
דעם לעצטן געשריי פון פאַרצוויגענעם גאָרגל...

עס שטייען די טישן געדעקטע, געגרייטע
מיט מילך און מיט האָניק, מיט כוסות מיט ברייטע,
מיט טעלער מיט רונדע מיט גאָלדענע צייכנס,
מיט „כשר לפסח" אויף זייערע ברעגן.
עס זיצט דאָ ביי טישן דער רויבער און שמייכלט,
ווי אַלץ איז פאַרגרייט דאָ פון זיינעטוועגן.

ער קוקט אויף די טישן די גרויסע און שמייכלט,
ער קוקט אויף דער יידישער כוסה און שמייכלט,
ער קוקט אויף די ספרים אין לעדער און שמייכלט,
ער קוקט אויף אַ בלוטיקן פעדער און שמייכלט.

ניטאָ דאָ קיין יידן. דאָ וואוינען שוין יענע,
וואָס האָבן געבראַכט אויף די ערדן דעם גיהנום.
זיי דאַרפן ביי קיינעם איצט גאָרנישט ניט קויפן,
דאָס גליק האָט זיי פלוצעם אין וואָגל געטראָפן.
זיי זיצן ביי אונדזערע טישן און זויפן,
זיי ליגן אין אונדזערע בעטן און פּאָפן,
זיי קושן די זונות אין אונדזערע הויפן,
אין אונדזערע שטיוול אין קירכעס זיי לויפן,
די הרובע זיי הייצן מיט אונדזערע ספרים
און מייקענען שיכור אויף אונדזערע קברים,
זיי טראָגן פון אונדזערע טאַטעס די העמדער,
זיי טראָגן די קליידלעך פון אונדזערע שוועסטער,
דער ליילעך, וואָס ליגט אונטער זיי, איז אַ פרעמדער.
אַ יעטווידער פּאָדעם אין אים איז געלעסטערט.
זיי טרעטן אויף אונדזערע אומגליקן, ווי מיר.
און אונדזערע פערל מתנות זיי ברענגען.

אויף אונדזערע שטריק און אויף אונדזערע ביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען!

ו

אויף אונדזערע שטריק און אויף אונדזערעביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען.

צעוואַלגערטע נעסטן. פאַרשפּיגענע היימען.
פאַרבלוטיקטע שטעגלעך צו קברים זיך שלענגלען.
זאָל ווערן פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן זאָל ווערן
די שײַן פון פרימאָרגן, וואָס האָט די גזלנים
די וועגן באַלויכטן, דער נאַכטיקער שטערן
פאַרשאָלטן זאָל ווערן. ער האָט די גזלנים
די וועגן באַלויכטן, פאַרשאָלטן זאָל ווערן
די לופט פונעם פרילינג, וואָס האָט די גזלנים
דעם אָטעם געפרישט, און די לונגען צעבלאָזן,
און פרישקייט געשאָנקען דעם רוייבערשן פנים.

מיר קוקן אַריין אין די סעדער פון געטאָ,
עס בוקן זיך צווייגן, עס הויבן זיך גראָזן,
עס מיניען זיך בלימעלעך, עס שפּרייטן זיך בלעטער,
פאַרוואָס ווערט ניט ביטער די זאַפט פון די פּירות,
זיי וואַקסן פון דר'ערד, וואָס איז בליענדיק — ביטער,
פאַרוואָס שווייגט דער הימל אין גרויל-נעכט פון גזירות,
פאַרוואָס לויפט דער דונער פאַרביי מיט זיין קנאַלן
און טרעפט ניט די קוילערס ביי זייערע סעודות,
פאַרוואָס זאָלן בליצן אויף קוילערס ניט פאַלן
און שפּליטערן קעפּ פון די קוילערס ווי הרודעס?

פאַרוואָס זיינען פּירות ניט גיפטיק ווי שנאה,
פאַרוואָס זיינען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

ז

פאַרוואָס זיינען פּירות ניט גיפטיק ווי שנאה,
פאַרוואָס זיינען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע.

דער הימל איז רויט שוין פון ערדישע פלאַמען,
און רויט איז די ערד שוין פון בלוט און פון בושה,
און רויט איז דער שוים אויף צעשויבערטע ימען,
וואָס האָבן ווי מענטשן פאַרלוירן די רו שוין.
און רויט זיינען וואונדן, וואָס בריען און קויען,
פון בלוט זיינען רויט שוין אפילו די טויערן,
אפילו די רעגנס, וואָס פאַלן אויף פליינען,
און רויט זיינען אויגן ביי אונדזערע פרויען,
וואָס שטומען און קאָנען דעם בראָך ניט באַוויינען.
מע דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.
זאָל שווער זיין, ווי שווער ס'איז די לופט אין אַ בוינע,
זאָל שווער זיין דער בליי, וועלכער לויפט פון די פינגער
אין נעסטן פון ביקסן, וואָס צילן אין שונא.
זאָל שווער זיין די קללה, וואָס פאַלט אויף די שונאים,
זאָל שווער זיין דער פויסט, וואָס צעפלעט די באַצווינגער,
זאָל שטאָלץ זיין, זאָל שטאַרק זיין ביים יתום דאָס פּנים,
מען דאַרף ניט קיין טרערן: פון טרערן ווערט גרינגער.

מיין אורזיידע וואָלט די מלבושים צעריסן,
מיט אַש זיינע קרויזן באַקרוינט וואָלט מיין זיידע,
און איך האָב געירשנט דעם שטאָלצן געוויסן,
דעם אַש און דעם טרויער פון ביידע, פון ביידע.
מיין אורזיידע וואָלט אויף די שייטערס געצאַרנט,
אַ שווערד אין די הענט וואָלט גענומען מיין זיידע,
און איך האָב געירשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פון ביידע. פון ביידע.

אַזאַ דער געבאָט איז, אַזאַ איז דער גורל:
צו שטאַרבן אויף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

ח

אַזאַ דער געבאָט איז, אַזאַ איז דער גורל:
צו שטאַרבן אויף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט, איז נאָך העכער
פון דעם, וועלכער ברוויזט שוין ניט אונטער קיין דעכער,
וואָס האָט זיך צעשיידט מיט דער ערד מיט דער האַרבער,
דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט שוין, פאַרגייט ניט.
עס שרעקן שוין מער ניט די נעגל פון שפּאַרבער,
דאָס ציידענע וואָרקען פון טייבעלע פרייט ניט,
איז וואָס? ס'איז פון מענטשלעכן אויג ניט באַהאַלטן
דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן קבר דעם קאַלטן,
וואָס רום איז זיין היים, און די זון־שיין זיין טרוים איז,
דער נאָמען, וואָס לעבט שוין אין פרעמדע חלומות,
דער נאָמען, וואָס איז שוין אַ פאָדעם געוואָרן
און ווערט ניט צעריסן אין שטורעמס פון יאָרן,
דער נאָמען, וואָס פלאַטערט אין זאַנגען פון רעגן,
אין זייד פון די פאָנען, אין שאָטנס אויף וועגן...

איך זע די געשטאַלטן. זיי קומען פון היילן,
זיי קומען דעם אומגליק פון געטאָ דערציילן,
זיי קומען מיט זייערע טרוימען זיך טיילן,
זיי קומען דעם וואונדער פון געטאָ דערציילן.

און ווערטער מיט ווערטער אין טונקל זיך קניפּן,
איך הער יענע ווערטער אין הויך און אין נידער,
זיי פאַלן צו מיר אויף די אַקסל ווי ברידער
מיט נאַכט אויף די אויגן, מיט אַש אויף די ליפּן.

און דאָס איז דער אָנהויב פון אונדזער הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...
דער פרילינג איז אָקאַרשט די שוועלן אַריבער,
אַ לינדער אַפּריל האָט אין סעדער געשפּרייט זיך,
און ס'האָבן די פויגלען און גראָזן געפרייט זיך,
וואָס ס'קומט שוין, ווי שטענדיק, דער פרילינג דער ליבער,
די זון איז אַ קאַלטע געהאַנגען אין דרויסן
און קיינער באַמערקט האָט, ווי זי איז פאַרגאַנגען,
די פּסח־נאַכט איז שוין אויף פענצטער געהאַנגען,

ווי זי וואָלט אַ סוד דאָ באַהאַלטן אַ גרויסן.
געוואָלט האָבן שונאים דעם סוד זיך דערוויסן —
וואָס טוען עס יידן אין הויפּט־שטאָט פון פּוילן,
צי פּראַוועו זיי פּסח, צי גרייטן זיי קוילן
אין אָט־אָ דעם פערצנטן אָוונט פון ניסן.

...עס זיינען זיך יידן ביי טישן געזעסן,
פּאַרזוכט פון חרוסת און מרור געגעסן.

די טאַטעס די קלוגע אין קיטלען אין ווייסע,
אין קרוינען אין שוואַרצע אויף טראָגען געבעטע,
די זיידעס די גרייזע, די מלכים פון געטאָ
דערציילט האָבן ווידער די אוראַלטע מעשה:
— געלעבט האָט אַ גזלן אַמאָל אין מצרים... —
און יידישע מלכהם אין קליידער אין נייע
געשוועבט האָבן גרינגע פון טישן צו טישן,
געשוועבט האָט פון הייזער צו הייזער אַ סוד דאָ,
און ס'זיינען די ווערטער פון אַלטער הגדה
געפאַלן פאַרוואונדעט אויף ציכטיקע קישנס.

— „עבדים היינו" האָט ווידער געקלונגען —
מיר האָבן דאָס ברויט פון דער קנעכטשאַפט געשלונגען! —

פון ווינקל צו ווינקל, פון געסל צו געסל,
פון בוידעם צו בוידעם, פון קעלער צו קעלער
געשוועבט האָט אַ וואָרנונג — מע זאָל ניט פאַרגעסן!
עס קלינגען די כוסות, עס קלינגען די טעלער,
ווי זיי וואָלטן וועלן באַהאַלטן, פאַרטויבן
די קאַלטע גראַנאַטעס און בעטן פאַרבעטע,
די פּראָסטיקע ביקסן, וואָס וואַרטן אין געטאָ,
פאַרשטעקט פון די בליקן, וואָס טאַפּן די שויבן.

„עבדים היינו" — מיר האָבן די פרייהייט
געקויפט ניט פאַר גאָלד, נאָר פאַר ליידן און טרויער.

אין הייזער איז טונקל. ס'ווערט גרויער און גרויער
דער אָוונט, וואָס האָט ווי אַ וואָלף זיך פאַרטייעט
לעם שוועל פון דער געטאָ, לעם פינצטערן טויער,
און הערט שוין דעם שאָרך פון פאַרבאָרגענע רייטערס,
און זעט שוין די צונגען פון קינפּטיקע שייטערס.

ווער קומען אַ רעטער? ווער קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס וועט קומען אַ נביא, ווי הייסט ער?

ט

וועט קומען אַ רעטער? וועט קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס וועט קומען אַ נביא, ווי הייסט ער?

און אויב עס וועט קומען אַ רעטער, וואָס וואַרט ער?
עס קוקן די מאַמעס מיט אויגן מיט צאַרטע,
די טאַטעס פון געטאָ דערציילן מיט ציטער,
ווי ס'האָבן געוויינט און געפּרייט זיך די זיידעס,
די יידישע אותיות זיינען די עדות
פון רגעס, וואָס האָבן די דורות דערשיטערט.
און ס'שוועבן פאַר אויגן מיט אומרו מיט נייעם
די בלוטיקע טייכן, די אוראַלטע חיות,
און ס'דוכט זיך, דער היישעריק טראָגט זיך פאַרביי דאָ;
און ס'דוכט זיך, עס קוואָקען די פרעש שוין ניט ווייט דאָ...

עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
וועט קומען דער נביא? וועט קומען דער רעטער?
פון וואַנען וועט קומען די הילף אין דער געטאָ —
פון מזרח? פון מערב? פון דרום? פון צפון?
מע זאָגט „שפוך חמתך”. אין פינצטערע ווינקלען
גראַנאַטעס און קוילן באַהאַלטענע פינקלען...
מע זיצט און מע וואַרט אויפן רוף — דער ראַקעטע,
וואָס דאַרף אויף אַ ווייל נאָר אַ פלאַם טאָן אין געטאָ...

עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
און גרייט זיינען גאַסן דעם שטורעם פאַרנעמען
און גרייט זיינען יידן אַרויס פון די קלעמען...
עס פלאַמט די ראַקעטע, נאָר וואָס האָט געטראָפן?
וואָס איז פאַר אַ רייטער די גאַס דורכגעלאָפן,
די גאַס פון דער געטאָ? די שרעקלעכע בשורה
איז גלייך מיטן שאָס מיטן ערשטן געקומען
צום סדר צום ערשטן, זי האָט ווי אַ שטורעם
ביי אָפענע טירן די שוועלן פאַרנומען,
אַרויף אויף די טישן, אַריין אין די אויגן
און טיף אין די הערצער מיט מוט זיך פאַרזויגן.

מ'האָט לאַנג שוין פאַרענדיקט „עבדים היינו",
מ'האָט לאַנג שוין פאַרענדיקט. מע האַלט שוין ביי „הודו".
מע קאָן שוין איצט קיינעם אין שטוב ניט געפינען,
עס הילכן די ווענט, און די הימלען זיך הוידען.
און די, וועלכע האָבן געחוזקט, געשפּעט דאָ,
פאַרגוואַלדיקט, געהרגעט, — באַצאָלן איצט טייער!

מע שיסט אויף דער געטאָ, און ס'ענטפערט די געטאָ
אויף שנאה מיט שנאה, אויף פייער מיט פייער.

י

מע שיסט אויף דער געטאָ, און ס'ענטפערט די געטאָ
אויף שנאה מיט שנאה, אויף פייער מיט פייער.

עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ,
געשוימט האָט די געטאָ מיט שרפות מיט נייע.
אַ פלאַם טוט אַ הויב זיך פון שוואַרצע פאַבריקן,
אַ פלאַם טוט אַ זעץ פון די שטיינערנע קוימענס,
און ס'טראָגט זיך דער אויפרייס פון בריקל צו בריקל,
מע קוקט אויף די שרפות: ס'איז ניט קיין חלומות,

דאָס האָבן די יידן אַ פייער צעצונדן,
אַ פייער, וואָס וועט פון דער ערד ניט פאַרשווינדן!

עס זיינען געקומען די פרעכע טעווטאָנען
צום סדר צום ערשטן אויף ווידער דערמאָנען —
„עבדים היינו!״... נאָר מ׳האָט זיי באַגעגנט
מיט בליצן און דונערס. מיט בליי האָט גערעגנט
אין וואַרשעווער געטאָ. פון קעלערס, פון גאַנקעס
זיי זיינען אַרוים — די סטאָליאַרעס און שמידן,
די שטילע, די גוטע, די פשוטע יידן,
מע האָט זיך געוואָרפן אויף ריזיקע טאַנקען
מיט מורדישן מוט און מיט אייזערנעם צאָרן.
די שניידער, די יונגע מיט בליי אויף די אָרעמס,
די וואַרשעווער שוסטערס מיט מעסערס אין טאַשן,
און זקנים אפילו פון אַלקערלעך שטילע —
זיי האָבן געטראָגן אין זעקלעך פון תפילן
דעם טויט פאַר די שונאים. מיט פלאַמען געוואַשן
זיי האָבן די גאַסן, מיט שרפות געאַקערט
די ווילדע חיילות, וואָס האָבן געהוליעט
אין בריסל, אין ניצע, אין פראַג און אין קראָקע.
עס האָבן די דייטשישע טאַנקען געפלאַקערט,
ווי ס׳פלאַקערן טרוקענע סטויגן אין יולי,
זיי האָבן געמיינט, אַז זיי לויפן נאָך האָזן,
נאָך אַלטע באַזיגטע, פאַרקנעכטעטע שבטים.

נאָר דאָ האָבן אַנדערע ווינטן געבלאָזן,
מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט היים דאָ געאָטעמט...
מיט פלאַמען געזעצט האָט פון יעטווידן ווינקל,
אויף יעטווידן טראָט האָבן מעסערס געפינקלט...
מיט בליי און מיט טויט האָט צעטענהט די וועלט זיך,
עס האָבן די יונגען אויף דעכער געשטעלט זיך,
ס׳איז יעטווידער בוידעם אַ שוצגרוב געוואָרן,
און יעטווידער הויף האָט געפייערט מיט צאָרן.
און ווער ס׳האָט קיין ביקס אין דער האַנט ניט געהאַלטן,

האָט באַמבעס געגרייט אויף צעשמעטערן בריקן,
פון טויט האָט זיך קיינער שוין מער ניט באַהאַלטן.
און ווער ס'האָט קיין מעסער אין האַנט ניט געהאַלטן,
האָט אייגענע נעגל אויף ווארגן און שטיקן...

עס זיינען געקומען די ווילדע טעווטאָנען
מיט צלמים און שאַרבנס אויף זייערע פאָנען,
זיי האָבן געהאַפּט, אַז דער וועג איז אַ גלאַטער,
און וואו נאָר זיי קומען — איז ציטער און פּלאַטער,
און קנעכטשאַפט, און טרערן, און קינדער־געשרייען,
זיי זיינען געקומען נאָך וואַלוועלע טראָפייען,
נאָך שטילע קרבנות, וואָס ליגן פאַרגורעט
און וואַרטן — דער טויט פון שאַנד זיי באַפרייען...
נאָר ס'האָט אין דער געטאָ געשטיגן דער שטורעם,
געשמעקט האָט מיט מאָסקווע און ניט מיט מצרים!...
עס האָט „שפוך חמתך" דער ווינט שוין געזאָגט איצט,
און ס'האָבן שוין בלוטיקע טייכן געיאָגט איצט,
עס האָבן פון וויטיק די שטערן צעוויינט זיך,
און ס'האָבן הגדהס אליין שוין געלייענט זיך...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
ווי ביטער די פיין איז פון נאָכגיביק־שוואַך זיין,
אַזוי איז זי זיס, אונדזער קראַפט, פון פאַראַכטן,
ווי ביטער, ווי פיינלעך איז שטויב אויף אַ שליאַך זיין,
פון אַלע געטראָטן אין פרי, אין פאַרנאַכטן,
ווי ביטער איז לעבן ווי קנעכט און זיך נויגן,
הכנעהדיק טראָגן די פּלייצעס געבויגן —
אַזוי איז ער הייליק, דער אויפקום, אין שלאַכטן...

עס פאַלן די שטאָלענע חיות צעשמעטערט,
פון רויך און פון וויטיק דער הימל איז גרוי שוין,
עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

יא

עס שיסן די העלדן פון װאַרשעװער געטאָ,
װאָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

עס פֿאַלן די דעכער װי ליידיקע קוישן,
און חורבות אויף חורבות, צעדרויבעט און צעשמעטערט,
אין װאַלגער זיך לייגן אויף בערגיקע װעגן,
און ס׳שטורעמט פון שטויב און פון שטיינער אַ רעגן.

און הויך איבער חורבות און הויך איבער דעכער
די פֿאָן פון דער געטאָ אין פייערן פלאַטערט,
אַ פיינטלעכע קויל האָט זי דריי מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט און איר חן ניט צעפּטערט
אין טעג פון נסיונות. זי פלאַמט אין די הויכן,
דער װיי האָט איר נעכטיקן שטאָלץ ניט געבראָכן,
זי היט אירע װאונדן װי אייביקע צייכנס.
װי צייכנס פון אומקום, פון צער און נצחון,
זי פלאַטערט מיט רום פון די זיידעם און טאַטעס,
מיט גבורה פון זין און מיט זויבער פון טעכטער.

דריי װאונדן שוין בריען דאָס לייב פונעם װעכטער,
װאָס נעמט ניט אַראָפּ פון דער פאָן זיינע אויגן,
אים האָבן דריי װאונדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
נאָר ער שטייט װי פריער אַ שטאָלצער, אַ שלאַנקער,
ער שטייט װי אַ פעסטונג, װאָס װייסט פון קיין װאַקל,
ער שטייט װי אַ שיף אויף אַ מעכטיקן אַנקער,
ער שטייט װי אַ שלאַכטמאַן — די פאָן איז זיין פאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פון די לאַנגע מעת-לעתן,
ער האָט שוין דעם טעם פון אַ דרעמל פאַרגעסן,
צוויי טעג זיינען שיכור פון דעמאָלט אַנטלאָפן,
װען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט אפשר אַ קויל שוין די מאַמע געטראָפן?
צוויי טעג, אַז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,

עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָטביידע געפּאַקט שוין מסתמא...

איצט שטייט ער אַליין אויפן הויכן באַלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווייל עס האָט אים די ערדה געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אַוודאי, אַוואו ער געפינט זיך.

איצט שטייט ער אַליין דאָ פאַרגרויט און פאַרפינצטערט.

דאָס וואַרשעווער ייִנגל איז ניט צו דערקענען,
עס זיינען שוין גרוי זיינע ייִנגלשע לאָקן,
צעאַקערט זיין שטערן איז ווי ביי אַ זקן,
און נאָר זיינע אויגן אין פינצטערניש ברענען,
די אויערן הערן דאָס פייפן פון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער פּוילן,
די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רייצן,
און בריען, און פאַלן אויף חורבות דערוואָרגן.
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרייצן
דעם טונקל פון אָוונט, די בלוי פון פרימאָרגן.
מע רייסט ניט קיין קריעה, מע זעט ניט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפּשיין פון שטערן,
מע זיצט ניט קיין שיבעה. מע מאַכט ניט קיין מלא׳ס,
דאָס קול פון די ביקסן דאָס איינציקע קול איז
אין וואַרשעווער געטאָ. נאָך וואָלקנס אין הימל
און רויכן אויף ערדן זיך לאָזן אין גלות.
אוים גלות! אוים געטאָ! אוים שאַנד און אוים שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן,
און ריקעס פון גאַסן צו גאַסן שוין פליסן,
און ס׳מאָלן דאָס ברויט פון מלחמה די מילן...

אַמאָליקע צייטן אין שלאַכט מיטן שונא
פלעגט עמעצער פּרוואוון זיין לעבן נאָך שוינען,
אַמאָל פלעגט אין הערצער נאָך קומען די מורא,
אַמאָל פלעגט דער פחד זיך שפּיגלען אין אויגן,
דער טויט פלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן.
און ס׳פלעגט די הכנעה די מוטיקייט בויגן...

ניטאָ אַזאַ שרעק, וואָס זאָל שלאַבעריק מאַכן
דאָס האַרץ און די האַנט פונעם וואַרשעווער יינגל,
ווען ס׳פליען אין אָפּגרונט אפילו די שליאַכן,
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס׳קאָן קיינער אים צווינגען
אָט דאָ מיטן אוצר דעם גרעסטן זיך שיידן,
ער שטייט ווי אַ דענקמאָל, פון שטיין אַ געטאָקטער,
דעם שטאָלץ און דעם וויי פון אַ דור איצטער טראָגט ער,
דער יונג מיטן זילבערנעם קאָפּ פון אַ זיידן.
ער שטייט ווי אַ דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין חשכות פון צוקונפט פאַרבאָרגן.

יב

ער שטייט ווי אַ דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין חשכות פון צוקונפט פאַרבאָרגן.

מיט נעפלען באַלאַגערט, מיט ספקות פאַרלאָפן,
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס׳איז אָפן
און זעט אין דעם שווינדל פון קאָכיקע שעה׳ן,
דאָס רואיקע שווימען פון שפּעטערע יאָרן,
וואָס זעט דורך די פליגל פון נאַכטישע קראָען
די פּאַסיקלעך הימל, וואָס נעמען שוין קלאָרן;
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס׳איז אָפן
און זעט אויך די צייטן, וואָס זיינען פאַרלאָפן.
עס זיינען די געטאָס פאַרחלומט געלעגן,
פאַרשליידערט פון ברייטע, פון ליכטיקע וועגן,

ווי ערגעץ אויף טייכן פאַרבלאָנדזשעטע פּליטן,
אַזוי זיינען געטאָס אין עבר געלעגן.
עס פלעגן די וועלף אין זיי שאַרפן די נעגל,
דער טויט פלעגט זיי פּיעשטשען, די נאַכט פלעגט זיי היטן.

די שאַנד איז אין פרילינגס געווען זייער רעגן,
די שאַנד האָט אין ווינטערס דעם שניי זיי פאַרביטן.

אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ בליץ אָן אַ דונער,
אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ שטראַל אָן דער זון נאָר,
אַ שטראַל פלעגט אַ בליץ טאָן אין חושך אין בלינדן,
אַמאָל נאָך פלעגט פינקלען אַ שווערד, נאָר אָן שאַרפן,
אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ ריז און זיך וואַרפן
אין תהומען פון דורות אויף שוין ניט פאַרשווינדן.
אַ דימענטן־שלייפער פון האָלאַנד פון ווייטן,
פון ריין אַ באַנקיר מיט אַ יידיקן בייטל,
פון פינצטערן קעלער פלעגט קומען אַ גאון,
אַ לויכט טאָן און פאַלן אויף שפּייז פאַר די קראָען,
אַ שמיד, וואָס האָט קיינמאָל זיין קאָפּ ניט געבויגן,
אַ בעטלער מיט קלאָרע נביאישע אויגן,
אַ פּאַסטעך אַ זינגער פון ליבע און צאָרן,
אַ שלעפּער, וואָס איז אַ משיח געוואָרן,
אַ יידישער גזלן — אַ קבצן, אַן עושר
אין וועלדער פּאָליעסיער. אין נעסטן פון חושך
איז לויטער געוואָרן פון ליכט און פון גבורה,
און ווייט האָט דאָס ליכט איבער לענדער געשפּרייט זיך,
נאָר ס'האָט מיט די גופים די גבורה געשיידט זיך:

און גיך האָט די געטאָ די אויגן פאַרזשמורעט
און ווידער געקניט פאַר דער אַלטער פּרינצעסין,
דער נויט — דער פאַרשאָלטענער בייטש פון די יאָרן,
און ווידער געשלונגען פון ליידן דעם צאָרן,
און ווידער דאָס ברויט פון הכנעה געגעסן.

אַזוי איז געווען אין די טעג פון פאַרצייטן,
נאָר מענטשן זיך בייטן און צייטן זיך בייטן...

מע שיסט פון דער געטאָ. און ס׳טראָגן זיך פלאַמען
ווי בשורות פון אומקום, פון טויט און פון וואונדער,
עס טראָגן זיך פלאַמען דורך דורות באַוואונדערט,
ווי שטאָלצע שלוחים אין בלוט־רויטן סאַמעט
צום יום־טוב פון פרייהייט, מע שפּאַנט ניט באַזונדער —
אין גליק און אין אומגליק קאָן קיינער ניט שיידן
די העלדן: דעם אייניקל דעם זון און דעם זיידן...
עס טראָגן זיך העלדן, באַקרוינטע מיט פלאַמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פאַרצאַמען?

יג

עס טראָגן זיך העלדן, באַקרוינטע מיט פלאַמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פאַרצאַמען?

וואוהין איז דער וועג איצט? צום טויער פון פרייהייט?
צום שמאָלן און פינצטערן טירל פון קבר?
מע שפּאַנט און מע פרעגט ניט. מ׳איז שטיל און פאַרטייעט,
אַמאָל נאָר אין גאַנג טוט אַ שטילן געשריי ווער.
מע שפּאַנט און מע רעדט ניט. אין נאַכט שעמערירן
די קנעפּ אויף די דייטשישע נייע מונדירן,
און ס׳קלאַפּן די דייטשישע שווערע אָפּצאַסן
אין טויבע פאַרוואונדעטע וואַרשעווער גאַסן.

די נאַכט אויף די דעכער און טרעפּ אַ צעפּליקטע,
און יעטווידער שאָם טוט אַ שניט ווי אַ מעסער.
וואוהין איז דער וועג איצט? אַ פינצטערער ליגט ער
און פירט צו דער תּפיסה מיט ריזיקע שלעסער.

דער „פּאַוויאַק" שטייט אין דער נאַכט אַ פאַרקלערטער,
ער שטייט ווי אַ ספינקס, אַ פאַרטרוימטער, אַ שטומער,

די וועגט זיינע היטן פֿאַרלאָרענע ווערטער,
ווי לעצטע סימנים פֿון מענטשלעכן זומער,
פֿון זומער, פֿון האַרבסט און פֿון פֿרילינגן פֿריע,
פֿון מוטיקן „זיי געזונט!‟ ערב דער תּליה...

אַ שאָס האָט די לופֿט די פֿאַרסממטע צעריסן.
אַ צווייטער... אַ דריטער... עס קרייצן זיך קוילן,
און רויכן מיט רויכן לעם תּפֿיסה זיך קנוילן,
אָט האָט שוין צעפּראַלט זיך דער טויער פֿון תּפֿיסה...

מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן,
עס גרילצן די שטיגן, עס קלאַפּן די טירן...
די שלוחים פֿון געטאָ אין דייטשע מונדירן,
די וועכטער — זיי פּלאַצן, די וועכטער קראַפּירן.
מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
די געסט פֿון דער געטאָ אין דייטשע מונדירן,
און אַלע „פֿאַרברעכער‟ אין דייטשע מונדירן.
דער עיקר איז שׂימן! קיין צייט ניט פֿאַרלירן!
ס'איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך אַ נאַכט אויף דער וועלט דאָ.
עס דוכט, אַז די נאַכט האָט אַליין זיך פֿאַרשטעלט דאָ.
און שלעפּט אַ מונדיר איבער שליאַכן אַ נייעם
אויף העלפֿן די העלדן פֿון תּפֿיסה באַפֿרייען!

עס גייט אַ געראַנגל. פֿון וועמען מיט וועמען?
מע קלינגט אין די שטאַבן, עס רוישט ווי אין גיהנום
מיט שמאַלינקע סטעזשקעס. מע יאָגט זיך פֿונדאַנען.
מע יאָגט זיך אַהערצו מיט שליאַכן מיט ברייטע.
אַ גאַס ניט קיין גאַס איז — אַ פֿעלד מיט קורגאַנען.
עס טראָגן זיך שאָטנס מיט קאַמערם צעשיידטע.
דער וועג פֿירט אין געטאָ. באַפֿרייטע פּאָליאַקן
און יידן באַפֿרייטע. מע טראָגט זיך אינאייגעם,
די טירן די לעצטע די העק שוין צעהאַקן,
און פֿוסט ווערט די תּפֿיסה. אויף בלוטיקע שטיינער

עס ליגן די וועכטער. די אויגן פאַרשלאָסן.
און רייך ווערט די געטאָ מיט נייע סאָלדאַטן,
עס וואַקלט זיך וואַרשע פון גוואַלדן און שאָסן
פון טאַנקען, וואָס ברענגען פון דולע האַרמאַטן,
פון שרפות, וואָס הודען און בייטשן און קנאַלן,
פון גבורה, וואָס רייפט אין די געטאָ-קוואַרטאַלן.

און הויך, אויפן דאַך פון דער תפיסה, ביינאַכט דאָ
די פאָן פון דער געטאָ וואַקסט אויס אַ דערוואַכטע.
זי פלאַקערט און וויגט אין דער פינצטערער נאַכט זיך,
און ס׳דוכט, אַז דאָס וואַרשעווער יינגל באַוואַכט זי...

— נקמה! איין וואונטש גליט אין אונדזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

יד

— נקמה! איין וואונטש נאָר אין אונדזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פונעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

די שאָטנס פון געטאָ — זיי שווייגן, זיי שוועבן,
זיי ווילן ניט שטאַרבן און קאָנען ניט לעבן.
אַ היים איז די אָרעמע נאַקעטע וועלט זיי,
די וועלט און דער מענטשלעכער שוואַכער זכרון,
דאָס פלאַמיקע, קאַכיקע שלאַכט-פעלד נאָר פעלט זיי.
זיי האָבן אין שלאַכט דאָס געוועער ניט פאַרלאָרן,
זיי קומען ביינאַכט, און זיי וועקן און רופן,
זיי קומען ווי תושבים, זיי קומען ווי שכנים,

זיי האָבן אין וואַרשע פאַרלאָרן די גופים,
און ס׳דוכט זיך, זיי זיינען שוין אַלע אַלצאיינע,
דער שוחט מיט גילדענע פיאות ווי רענדלעך,
דער בעטלער, וואָס פלעגט מיט אַ טאָרבע זיך שלעפּן,

דער דיכטער מיט טרוימען, וואָס זיינען אומענדלעך,
די באָבע מיט שפּיזלעך אויף הילצערנעם טרעפּל,
דאָס יינגל מיט פריילעכע בשורות פון חדר,
די כלה אין ווייסע, אין זויבערע קליידער...
די שאָטנס פון געטאָ באַגלייטן מיך שטילע,
ס'טראָגט איינער אַ קללה אין אויגן צעשטראַלטע,
דער צווייטער אַ בענטשונג, דער דריטער אַ תפילה,
דער פערטער אַ האָפענונג אויף ליפּן אויף קאַלטע...

און ווי איך פאַרלאָז נאָר די געטאָ די טויטע,
קומט ווידער דאָס װאַרשעווער יינגל צו לויפן —
אַ שאָטן — אויף שליאַכן פאַרלאָזטע, פאַרגרויטע,
ער שלעפּט מיך צוריק צו די װאַרשעווער הויפן,
און קום איך צוריק אין דער געטאָ, אַנטשטייט ער
פון חורבות און אַש פון צעריסענעם פּוילן,
אַ פּולער מיט לעבן, צו שלאַכטן אַ גרייטער,
אויף דעכער אויף הויכע אַ מונטערער שטייט ער,
ווי מ'האָט אים אין אָנהויב פון אויפשטאַנד באַפוילן.

איך קוק אויף זיין הויכקייט און פיל זיך דערהויבן,
עס הייבט אונדז דאָך ביידע איין מוט און איין גלויבן,
איך קוק אויף זיין הויכקייט און פיל זיך דערשלאָגן
פאַר דעם, וואָס עס טליען נאָך נישטיקע פלאָגן,
פאַר דריבנינקע טרוימען, וואָס קומען נאָך זעלטן
פון אַלטע פאַרגאַנגענע נישטיקע וועלטן...

איך גיי נאָך שפּאַצירן. איך זינדיק. איך שמייכל,
איך בין נאָך מקנא מיין פריינט, וואָס איז פריילעך,
איך וויל נאָך, מיין נאָרע זאָל ווערן אַ היכל.

די בליקן פון אומפריינט פון נישטיקע צייל איך,
איך צייל נאָך די שטעך פון די נאָדלען, ווען שווערדן
פון שונאים פון גרויסע אין בלוט מיינס זיך שווענקען,

איך לייד נאָך פון קרענקלעכן קליינלעכן בענקען
נאָך ווייסקייט פון קישנס. וואָס שווייגן די ערדן?
ווי קאָנען זיי טראָגן דעם אומגליק דעם גרויסן,
די תליות, די קברים, די שטומע געשרייען,
דעם זומערס צעשאָסענעם בלוטיקן דרויסן,
דעם ווינטערס צעטראָטענע בלוטיקע שנייען?
וואָס שווייגן די שלאַקסרעגנס אַלע, וואָס שווייגן,
וואָס קומען זיי ניט ווי אַ מבול פאַרשווענקען
די הערצער די זאַטע, וואָס ליגן אין שטייגן
מיט זייער פאַרוויאַנעט קליינלעכן בענקען?

וואָס שווייגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער יינגל,
איך זוך דײַנע אויגן, וואָס קוועלן ווי גינגאַלד,

וואָס ציט דיך צוריק צו דעם בערגל דעם קאַלטן,
ווער ליגט דאָרט אין קבר אין פייכטן באַהאַלטן?
דו ביסט נאָך באַפליגלט מיט פליגל מיט גרינגע,
וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער יינגל?
דו ווייסט אַלע לידער, וואָס וואַרשע פלעגט זינגען,
וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער יינגל?
דו קענסט אַלע סעדער, וואָס האָבן געבליט דאָ,
דו ווייסט אַלע סודות, וואָס וואַרשע פאַרהיט דאָ.
שטיי אויף! הער, עס שאַלט שוין דער אויסלייזונג-האָרן,
דו דאַרפסט ניט קיין מיטה, דו דאַרפסט ניט קיין אָרון.
קום דורכגיין ווידער די וועגן די לאַנגע,
וואו דו ביסט אַמאָל אַזאַ שיינער געגאַנגען,
קום ווידער אַרויף אויפן מויער דעם הויכן,
קום הייבן די פאָן איבער שרפות און רויכן.
שטיי אויף! ס'קאָן ניט זיין, אַז אין טעג פון נצחון
זאָלסטו ביי די טישן די ברייטע ניט זיצן,
דיין טרוים ווי אַ צווייגל זאָל ליגן צעבראָכן,
דיין יוגנט זאָל אויף די יום-טובים ניט בליצן,
איז ווער וועט פאַרבייטן די טאַטעס, די זיידעס

און ווער וועט די לוחות פון יושר דערטראָגן?
דער משפט איז נאָענט, און דו ביסט דער עדות,
און דו ביסט אַ שופט. די שעה האָט געשלאָגן.

טו

דער משפט איז נאָענט, און דו ביסט דער עדות,
און דו ביסט אַ שופט. די שעה האָט געשלאָגן!

וואָס שווייגסטו? וואָס שווייגט איר? אויב איר וועט ניט זאָגן,
איז ווער וועט דערציילן דעם סוף פון אַן עדה,
וואָס איז מיט איר ליכטיקן אומקום געוואָרן
אַ שטערן אַ נייער אויף הימלשע קלאָרן?

וואָס שווייגסטו? וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל?
די וועלט האָט דאָך שפּראַכן באַשאַפן אַזויפיל!
איך ווייס: דיינע ווערטער, וואָס פלעגן ווי גינגאָלד
צעשפּילן זיך, פלאַטערן, פיבערן, לויפן, —
זיי זיינען אין קלעמען, זיי זיינען אין צוואַנגען,
און אפשר האָט אויך זיי דער תליון געהאַנגען.

די וועלט האָט דאָך שפּראַכן אַזויפיל באַשאַפן,
און ס׳טרעפט, אַז אין וואָכיקן שלעף פון די וואָכן
די שטומקייט פון שיפן פון טויטע ביי האַפנס
רעדט מער ווי דער שטורעם, וואָס האָט זיי צעבראָכן.
עס טרעפט, אַז אַ האַרבסטיקער גאָרטן אין דרעמל
מיט שטילער, מיט גאָלדענער בענקשאַפט באַרעמלט,
רעדט מער פון אַ רוישיקן טייך פון אַ שרייער,
אַ ביסעלע אַש אויף פאַרבראָכענע פינגער
רעדט שטאַרקער אַמאָל ווי דאָס ברוּזיקע פייער.

וואָס שווייגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל?
דו וועסט דיינע סודות פון מיר ניט באַהאַלטן,
כ׳וועל לויפן אין וואַרשעווער סעדער אין אַלטע,

אין סעדער מיט שטעכיקע דראָטן באַרינגלט,
וואו זיינען די סעדער? עס ציען זיך תליות
און מענטשן און מענטשן, מיט בלייענע וויעס,
מיט גלעזערנע אויגן... די וואַרשעווער סעדער...

עס הענגען ביינאַנד דאָ דער רב און דער בעדער,
דער עושר, דער בעטלער, די שנור און די שוויגער,
זיי זיינען ווי געסט פון אַ וועלט אַ ניט היגער.
זיי הענגען און קוקן, זיי הענגען און שטומען,
זיי הענגען און וואַרטן, דער קברן זאָל קומען,
נאָר ס׳קומט ניט דער קברן, ער הענגט אויף אַ דעמבל.
און ס׳שיט זיך די ערד פון זיין כאַקענעם העמדל.

אַט שטייט אינעם שאָטן אַ בוים אַ צעשפּרייטער,
אַ ייד מיט אַ זילבערנער באָרד מיט אַ ברייטער,
אַ שפּיץ פון דער באָרד אין די ציינער פאַרביסן,
דעם זילבערנעם קאָפּ צו דעם הימל פאַרריסן —
די אויגן פאַרגליווערט. די הענט אויף די לענדן,
די ליפּן צו ערד און צום הימל זיך ווענדן,
ווי ס׳וואָלט זיך זיי וועלן אַ סוד צו פאַרטרויען
דעם נאָענטסטן שכן, דעם שוויגער דעם גרויען —
דעם גרויסן בונטאַר און דעם קבצן דעם גרויסן,
וואָס וויגט זיך אַ שטילער. און ס׳רוישן די שטאַנגען:
דער פּיינט האָט געטויט און געהאַנגען אָן אויסנאַם.
— ווען פּרץ זאָל לעבן, וואָלט פּרץ געהאַנגען!

ווען דאָס איז אַ חלום, וואָלט ער זיך צערינען,
אין וואַרשעווער סעדער קאָנט איר אים געפינען,
דעם חלום דעם וויסטן. זיי הענגען אויף שטאַנגען.
ס׳טראָגט איינער אַ שוסטעריש רעקל מיט לאַטעס,
דער צווייטער — אַ שוואַרצע קאַפּאָטע אַ לאַנגע,
ווי אונדזערע זיידעס, ווי אונדזערע טאַטעס;
ס׳טייַט איינער מיט גראָבע, מיט שוסטערשע פינגער,

דער צווייטער — מיט פינגער אויף מישן די ספרים,
ס'זוכט איינער אין צווייטן אַ האָפנונג, אַ גלויבן,
וואָס זאָל אונדזער אַלעמענס אומגליק פאַרטויבן.
זיי האָבן די טויטע געריפן פון קברים
צום אויפשטאַנד אין שלאַכט קעגן שדים־באַצווינגער,
און ווען מ'האָט אין וואַרשעווער געטאָ געשאָסן,
האָט אויך זייער שטומקייט אין שלאַכט זיך געגאָרנט...
איז זאָל זיי דער טויט פון דער ערד ניט פאַרשטויסן,
און זאָלן זיי הויך זיין אין פאָלק אינעם גרויסן.

טז

איז זאָל זיי דער טויט פון דער ערד ניט פאַרשטויסן,
און זאָלן זיי הויך זיין אין פאָלק אינעם גרויסן.

אָט דאָס איז דער קבר. דאָ ליגן זיי אַלע:
דער טאַטע, די מאַמע, דער חתן, די כלה.
די פריינט און די שונאים — זיי ליגן אינאיינעם,
זיי ליגן ווי גלייכע, זיי ליגן ווי שכנים,
און ס'דאַרף שוין דאָ קיינער ביי קיינעם ניט באָרגן,
און ס'דאַרף שוין דאָ קיינער פאַר קיינעם ניט זאָרגן.
די ערד האָט פאַרגלייכט זיי, מע ליגט דאָ אַלצאיינע:
דאָס קינד פונעם וויגל, די גרייז־גרויע זקנה,
דער נאַר און דער חכם, דער דאָקטער, דער חולה —
זיי ליגן דאָ אַלע געלעסטערט, געקוילעט.
דאָס בלוט זייערס קאָכט איבער גאַסן געפלעטע,
דער מאַרך ליגט צעטראָטן אויף חורבות פון געטאָ.

דער מענטשלעכער מוח מיט ערד אַ פאַרמישטער,
די פרוכט זיינע פלעגן די אוצרות פאַרמערן,
ער ליגט דאָ אַ טויטער — דאָס ווילדגראָז דערפרישט ער,
באַשערט איז אים טרוקענע זאַנגען דערנערן
ווי מיסט, וואָס מע האָט אויף די פעלדער פאַרלאָרן,

ווי הנאַי, וואָס מע ברענגט אויף צו שפּייזן דאָס קאָרן...
ער שפּרייט זיך אויף חרובע ווענט אַ צעשפּריצטער,
אויף גאַנקעס — די שפּורן, אויף טרעפּ זיינע טראַפּנס,
אין נעכט אויף די שטערן די זילבערנע בליצט ער
און שטומט אויף די קישנס ביי מערדער צוקאָפּנס...
דער מאַרך פון די מענטשן — אויף שוימיקע פלאַמען,
אויף פלעצער פון רוים און אויף גאַסן מאַדרידער,
אויף ברעגן פון ריין און אין רויך אַמסטערדאַמער,
עס הייבט זיך זיין גייסט מיט די פלאַמען געברידערט...
עס האָבן אים רוצחים אויף שפּיזן געטראָגן,
זיין קראַפט האָבן רוצחים אויף תליות געוואָרגן,
און ער האָט געבראַדיעט פון וואָגל צו וואָגל,
פון וויגל צו וויגל, פון מאָרגן צו מאָרגן...

דער מענטשלעכער מאַרך איבער ווענט אַ צעשפּריצטער,
דורך יאָרן, דורך דורות אין דימענטן בליצט ער,
מע טרעט אים ווי זאַמד, נאָר זיין אומרו מע צערטלט,
ווי גילדענע אוצרות מע היט אים, מע כאָוועט,
מע קושט אים, מע קרוינט אים מיט רום און מיט כבוד,
מע האַקט אים מיט העק און אויף פלעצער מע פערטלט,
מע האַלט אים אין סייפן, מע פאָרשט אים, מע פרישט אים,
מע וויקלט אין זון אים, מע וויקלט אין ווינט אים,
מע טאַנצט אויף זיין אַש ווי די רויבער, די פלישתים,
מע זעצט אים אויף טראָנען, מע וואַרפט פאַר די הינט אים.
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
די שאָטנס די שטאָלצע פון וואַרשעווער געטאָ —
זיי לעבן אין אונדז מיטן בראָך, מיטן וויי‏טיק,
און ניט ווי קיין נעפּלען אין רואיקע שניי־טעג,
און ניט ווי קיין בליצן אויף האַרבסטיקע בלעטער,
און ניט ווי קיין ספינקסן פון שטיינער געטעסעט —
זיי לעבן ווי שפּורן פון גנאַד און פון חסד,
ווי פונקען, וואָס וועלן פאַרלאָשן ניט ווערן,
ווי פאַנצערס געוועבטע פון מוט און פון טרערן.

פון שייטערס דער רויך זייער אייביקער דאַך איז,
נקמה פאַר פיין — זייער פינצטערער נחת...

יז

פון שייטערס דער רויך זייער אייביקער דאַך איז,
נקמה פאַר פיין — זייער פינצטערער נחת.

עס שפּרייט זיך די נאַכט ווי אַ ריזיקע מיטה,
נאָר ס'בלענדן אויף גאַסן נאָך בליצן צעגליטע,
און ס'הילכן נאָך שאָסן אין געסלעך געשמידטע,
און ס'ענטפערן שאָסן אין געטאָ פון ליטע.
און ס'ענטפערן שאָסן פון וועלדער פּאָלעסיער,
פון בערג יוגאָסלאַווער, פון גריכישע ערדן,
די גאַסן פון ריגע — ווי בליציקע מעסערס,
די ראָגן פון פּראָג — ווי די שפּיצן פון שווערדן,
און ס'לויכט איבער אַלע דער רום און די גבורה
פון שלאַכט אויף דער וואָלגע, פון רוסלאַנדס באַגנעטן,
פון יענעם געבענטשטן און שלאַקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפּעטן...

די שאָטנס פון געטאָ — זיי בלאָנקען ווי שניטער,
ווי שניטער, פאַרשניטן אין גרויסן געוויטער,
זיי בלאָנקען און ווייזן: דער טויט איז אַ ליגן.
פאָרויס גייט אַ זקן, דער קאָפּ דער געניטער.
דאָס וואָרט פונעם זקן איז הייליק געוואָרן.
געזאָגט האָט דער זקן: — אויב בלייבן וועט הונדערט,
זאָל ברענען אין הונדערט פון דורות דער צאָרן;
און ווער ס'וועט נאָר בלייבן פון זיי אָפּגעזונדערט,
פאַרשאָלטן זאָל ווערן אויף אייביקע יאָרן!

— אויב בלייבן וועט פּופציק, — געזאָגט האָט דער זקן, —
זאָל פלאַמען אין פופציק פון דורות די שנאה

דער קאַמף זאָל ניט שטילן אויף טרעפּ און אויף שטאָקן,
אין קעלערס, אויף שווען, אויף דעכער אויף גרינע,
און אויב ס׳וועט אַ צענדליק פאַרבלייבן אינגאַנצן,
פון וואַרשעווער ישוב אַ צענדליק אינגאַנצן,
פון פּוילישע יידן אַ צענדליק אינגאַנצן,
פון יידישן שטאַם נאָר אַ צענדליק אינגאַנצן,
זאָל דעמאָלט דער מנין מיט קראַפט אין די אָרעמס
ניט קומען די קברים מיט זיפצן באַקראַנצן,
זאָל דעמאָלט דער מנין אויף אונדזערע קברים
ניט קומען קיין טרערן קיין הייסע פאַרגיסן.
אויב ס׳וועט נאָך אַ צענדליק אינגאַנצן פאַרבלייבן,
זאָל גליען פון דורות אין זיי דער געוויסן,
און זאָל דער געוויסן פון דורות זיי טרייבן
אין בייזע געשלעגן, אין לעצטע געשלעגן.
און אויב ס׳וועט אין זייערע יידישע נעגל
איין קוילער כאַטש פאַלן דערשטיקט און דערוואָרגן
און וועט ניט דערלעבן דעם אויפגאַנג פון מאָרגן,
וועל איך אינעם קבר די זין מיינע בענטשן,
די ברכה פון גאָט און די ברכה פון מענטשן,
זאָל לויכטן אין זייערע הייליקע נעמען.
און אויב ס׳וועט פון פייער, פון שלאַכט און פון קלעמען
זיך ראַטעווען איינער... איין ייד וועט פאַרבלייבן,
טאָ זאָל ער דעם אומגליק פאַר דורות באַשרייבן...

דורך פלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

יח

דורך פלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

אָט דאָ ערשט ניט לאַנג, אויפן וועג דעם באַנייטן
פלעגט ער מיט די ייִנגלעך אויף בעזעמער רייטן,

אויף שטומע, אויף הילצערנע פערדלעך זיך טראָגן,
זיי פלעגן מיט הילצערנע שווערדלעך זיך שלאָגן,
און שפּרינגען און זינגען אויף שטויביקע וועגן,
זיי האָבן געטרוימט וועגן גרויסע געשלעגן
מיט אמתע ביקסן און אמתע שפּיזן,
ווי אמתע גרויסע סאָלדאָטן, ווי ריזן...

ווי גיך האָט די פריילעכע שפּיל זיך געענדיקט,
ווי גיך איז די גאָלדענע קינדהייט אַנטלאָפן,
זיין יוגנט האָט אים אויפן שיידוועג געטראָפן
און האָט אים געבענטשט מיט איר אומזין, ווי שטענדיק,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סופן...

עס ציען זיך טעג ווי חדשים, ווי יאָרן,
ער איז פאַר דער צייט שוין אַ יתום געוואָרן
און ווייסט נאָך אַליין ניט, אַז ער איז שוין איינער,
אַז ער איז אַליין נאָר, פון שטאַם אָפּגעריסן,
אַז קומען צו אים וועט שוין קיינער ניט, קיינער,
אַז ער איז די קראַפט און דער ריינער געוויסן
פון זיידעס און טאַטעס, וואָס האָבן פאַרטרויט אים
אַזוינס, וואָס עס דראָט ניט אפילו דער טויט דעם...

ער שטייט, מ׳האָט דריי טעג ניט געבראַכט שוין קיין ברויט אים...

ניט ברייט און ניט ווייט איז דער וועג צו דעם טויער,
וואו ס׳איז נאָך געבליבן אַ זכר פון לעבן:
די פאָן און דאָס יינגל. ס׳ווערט גרויער און גרויער
דער קאָפּ ביי דעם יינגל. מ׳האָט נעכטן זיין רבין
אויף פּיקעס געטראָגן. אין אָוונט אין שיינעם
ווערט גרויער די פאָן מיטן יינגל אינאיינעם...

עס ליגן די העלדן אויף טרעפּ און אויף שוועלן,
אין אַלקערס, אין קיכן זיי ליגן צעצויגן

און קוקן מיט קאַלטע פאַרגליווערטע אויגן,
און ס׳טראָגן זיך דייטשן און פילדערן, קוועלן,
זיי פליען צום שטאָק צו דעם העכסטן, וואו ס׳ווייט נאָך
די פאָן און דער וועכטער דער נעכטיקער שטייט נאָך!...

אויף גאַרנס פאַרבלוטיקטע הילכן אָפּצאָסן,
און ס׳פלאַטערט די פאָן לעם דעם יינגל דעם בלאָסן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פאַרלירן?
צוויי קוילן פאַרמאָגט ער בלויז פלינקע און גרייטע:
איין קויל פאַרן שונא, פאַר וועמען די צווייטע?
ער האָט שוין באַשלאָסן. מע קלאַפּט אין די טירן.
די טירן פאַרזיגלט, פאַרקייטלט, פאַרשלאָסן.
ער זעט, ווי צוויי שדים זיך טראָגן פאַרביי דאָ,
אָט דאָרט אויף דער ערד, וואו זיין בלוט האָט געפלאָסן,
צוויי שדים באַקוקן די לעצטע געביידע —
די פעסטונג די לעצטע פון וואַרשעווער געטאָ.
צוויי דייטשן פאַרהויבן די שוואַרצע פיסטוילן
צו זון־שטראַלן לעצטע, צו וואָלקנס צו שפּעטע.
צום גרויליקן, פראָסטיקן הימל פון פוילן,
און ביידע אין פאָן פון דער געטאָ זיי צילן,
און טויטן דאָס וואַרשעווער יינגל זיי ווילן.

וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פאַרלירן,
צוויי קוילן פאַרמאָגט ער געשיקטע און גרייטע,
עס קלאַפּן אָפּצאָסן, מע שיסט אין די טירן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? די פאָן די צעווייטע,
וואָס ער איז איר איינציקער וועכטער געבליבן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? עס ציטערט דאָס שטיבל.
אַ שאָס און אַ צווייטער, און ס׳קערן זיך איבער
די דייטשן און פאַלן אַריין אין די גריבער,
וואָס זיי האָבן אָקאָרשט פאַר יידן געגרייט דאָ
אויף כמאַריקע גאַסן פון כמאַריקן פוילן.
דאָס וואַרשעווער יינגל געהאַט האָט צוויי קוילן,
איין קויל פאַרן שונא. די צווייטע — די צווייטע...

און איצט האָט ער גאָרניט. ס׳באַרינגלען אים קראָען.
דער טויט איז זיין לעבן, די פאָן — זיין צוואה.
זי איז זיין ירושה, זיין אוצר, זיין האָפן,
מיט איר איז זיין וועג צו דער אייביקייט אָפן!

יט

זי איז זיין ירושה, זיין גלויבן, זיין האָפן,
מיט איר איז זיין וועג צו דער אייביקייט אָפן.

די פאָן פון דער געטאָ זיין איינציקע טרייסט איז,
און נאָר זיין געוויסן דער יינגלשער ווייסט עס...

און אויב נאָר עס אָטעמט נאָך עמעצער ערגעץ,
באַפרישט שוין זיין אָטעם די נאַכט און די בערג איצט,
באַפרישט איצט זיין אָטעם פון ביימער די בלעטער,
די האַנט זיינע ליגט אויף דער ביקס דער געטרייער,
די ליפּ זיינע בענטשט דאָס גערעכטיקטע פייער.

און דאָ אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ
לעם העלדן געטויטע, ביי קברים ביי פרישע,
ביי הייזער פאַרברענטע, ביי פענצטער צעזעצטע
לעבט איינער — דאָס וואַרשעווער יינגל דאָס לעצטע.

די גאַנצע ירושה פון וואַרשעווער ישוב
געהערט איצטער אים נאָר — די ליידן און פריידן,
דעם אייניקלס שמייכל, דער גלויבן פון זיידן,
די הייליקע וואונדן, די עוולות, דער יושר,
פון יום־טוב די זון און פון געטאָס דער חושך...
די צייט פליט משוגענערווייז פאַר די אויגן,
עס האָט פאַרן הארצן אים עפּעס געצויגן,
זיין היים מיט די אַלטע געלאַטעטע שויבן
האָט איצט אים געצויגן? די פריילעכע טויבן,

וואָס האָבן געוואָרקעט אויף דאַרע אַקאַציעס?
דער שיכורער מאַרק, וואו דער רווישיקער פּלאַץ איז
פאַרדרייט און פאַרהאַוועט געווען מיטן האַנדל?
וואָס ציט אים אַצינדער? דער שטאָטישער גאָרטן,
דער פלויט מיט די שווערע, די בראָנזענע ראַנדן?
וואָס דאַרף ער אַהינצו? וואָס האָט ער איצט דאָרטן?
וואָס ציט אים פונדאַנען? די יינגלעך פון חדר
מנשהקע און בערל? זיי זיינען ניטאָ מער.
איז רופט אים אַראָפּ דער דערוואָרגענער יאָמער,
צי אפשר דער גוטער, דער פריילעכער סדר,
וואָס ס'ווילט זיך ביז גאָר אים פאַרענדיקן דווקא...

איז רופט אים גאָר אפשר די טונקעלע חוהקע,
דאָס שוואַרצינקע מיידל מיט הימלשע אויגן —
זיך שפּילן אין זאַמד און אַ שטיבעלע בויען,
האָט ער דאָך געזען אין פרימאָרגן אין גרויען,
ווי ס'איז איר נשמה דורך דעכער געפלויגן...
איז רופט אים דאָס וויגל, וואו ער איז געלעגן,
דאָס וויגליד מיט ראָזשינקעס זיסע און מאַנדלען?
ער ווייסט, אַז זיין וויג ליגט צעבראָקט אויף די וועגן
און ס'וועט מער זיין טאַטע ניט וואָגלען, ניט וואַנדלען...

איז וואָס זשע ציט פאָרט אים אַראָפּ פון די הויכן,
וואָס שלעפּט אים מיט צוואַנגען צום שטיבל צום קליינעם,
וואו ס'ליגן פאַרדעקט ווי מיט קאָלדרעס, מיט רויכן
די שטילע אויף אייביק אַנטשלאָפענע שכנים,
איז רופט אים זיין קינדהייט? זי איז שוין געשטאָרבן,
דער סוד, וואו ער האָט זיך געשפּילט, איז פאַרדאָרבן.
וואָס רופט אים פון דאַנען? וואָס ציט ווי מיט צוואַנגען?
דעם זיידנס געבאָטן? דאָס קול פון דער מאַמען?
זי האָט אים באַגלייט ביז דעם הילצערנעם טויער
און האָט אים געבעטן מיט מאַמישן טרויער,
ער זאָל זיך צו לאַנג אינעם וועג ניט פאַרזאַמען,
זי וועט אויף אים וואַרטן... זי וואַרט דאָרט מסתמא...

דריי טעג איז אַ שטיין אויף זיין האַרצן געלעגן,
און שטיל האָט זיין מויל זיך געטומען באַוועגן,
פון הויך האָט זיין מויל זיך געטומען באַוועגן,
פון הויך האָט אַ פאַל געטאָן ציטעריק: מאַמע...

אַזוי הייבט זיך אָן דאָ די נייע הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...

כ

אַזוי הייבט זיך אָן דאָ די נייע הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...

מיט ליידיקע הענט און מיט טרויער באַשאָנקען,
די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ נאָר בלאָנקען,
פון גאַס און צו גאַס און פון געסל צו געסל
זיי האָבן דעם וועג צו דעם זיג ניט פאַרגעסן...

עס טראָגט זיי שוין איצט ניט קיין טרונק און קיין עסן
דער פּוילישער שכן, ער קומט ניט ווי נעכטן...
עס ברענגט שוין קיין ביקס ניט פון וועלדער פּאַטלאַטע
דער פּוילישער פּויער צום קאַמף צום גערעכטן.
עס רייסט זיך ניט מער שוין דורך פינצטערע גראַטעס
מיט פאַנען און שפּיזן די העלע ישועה,
אויף ליפּן אויף טויטע דער לעצטער געשריי ליגט,
און ס'רוען אין שוואונג אינעם לעצטן געהייליקט
די קדושים פון געטאָ, זיי ליגן און רוען,
און ס'הויבן זיך קוילן פון זייערע טרערן,
און ס'הויבן זיך פלאַמען פון זייערע קללות...

עס שוועבן די וואַרשעווער שאָטנס אין גלות,
זיי שוועבן און שטייגן, זיי שוועבן און הערן,
ווי ס'טראָגט זיך דורך פלאַמען, דורך ווייטיק, דורך בראָכן,
דורך וועלדער פאַרברענטע, דורך ראַווען, דורך יאָרן,

דורך סטעפּעס, דורך שטורעמס, דורך אַלע געפאַרן
פון רוסישער גרענעץ דער גרוס פון נצחון.

וואָס טוט מען? קיין עצה קאָן קיינער ניט געבן,
דאָס יינגל האָט קיינמאָל געוואָלט אַזוי לעבן
ווי איצטער, נאָר ס׳קומען די לעצטע מינוטן,
געווים וועט אים קיינער ניט נעמען מיט גוטן.
נאָר אָט האָט דער טויט זיך צו אים דורכגעריסן,
דער יונג האָט די טרוקענע ליפּן פאַרביסן:

פון רייכטימער אַלע, וואָס ער האָט געירשנט,
פאַרמאָגט ער די פאָן און דעם חורבן פון וואַרשע.

וואָס טוט ער? ער ווישט זיך דעם שוויים מיטן אַרבל,
ער קאָן מער ניט לעבן, נאָר ווי קאָן ער שטאַרבן?
אַ קוק אויף דער פאָן און אַ קוק אויפן אָונטט,
די פאָן איז נאָך קיינמאָל געווען אַזוי נאָענט!
אַ מענטש איז אַ מענטש, איז געלעבט און געשטאַרבן —
אַ פאָן טאָר ניט פאַלן אויף דר׳ערד ווי אַ קרבן!

אַ נעם טוט דאָס יינגל די פאָן די צעווייטע
און וויקלט צונויף אירע פאַלדן די ברייטע
און וואַרפט זי אַרויף, ווי אַ מאַנטל אַ גרינגן,
אויף פּלייצעס אויף זיינע, דאָס וואַרשעווער יינגל,
ער קוטעט זיך איין אין איר רוס, איר איר ווייטיק
און טוט זיך אַ וואָרף פון צעשייטערטן גאָרן...

אַזוי איז די פאָן ניט געלעסטערט געוואָרן!

ס׳באַגלייטן אים קוילן ווי האָגלס, ווי שלאַקסן,
ס׳באַגלייט אים אַ טויבער געוואוי פון שאַקאַלן,
און ס׳טראָגט זיך דאָס יינגל, די פאָן אויף די אַקסל,
די הענט ווי די פליגל, די אויגן ווי שטראַלן.

כא

און ס'טראָגט זיך דאָס יינגל, די פאָן אויף די אַקסל,
די הענט ווי די פליגל, די אויגן ווי שטראַלן.

די דונערס און בליצן אַלץ וואַקסן און וואַקסן,
און ס'וואַרטן די רויבער, דאָס יינגל זאָל פאַלן,
נאָר ס'פאַלט ניט. עס טראָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער,
און אונטן די ערד ליגט אין וואונדן, אין שייטערס,
פאַרזייט מיט געקוילעטע זיידעס און קינדער...

ס'פאַררייסן די קעפּ די געשוואוירענע שינדער
און זוכן און זוכן די פאָן און דעם היטער.
פון שאָסן און גוואַלדן דער ערד־נאַפּל ציטערט,
פון שאָסן און גוואַלדן די סעדער זיך שאָקלען,
מע נישטערט דעם הימל מיט לאַנגע בינאָקלען,
אָט ווייזט ער זיך ווידער, דער יונג מיטן מאַנטל,
אָט בלענדן אין הימל די פלאַמיקע קאַנטן
און ווערן, ווי בליצן צעפלאַמט, און פאַרשווינדן,
אָט ווערט ער אַ וואָלקן אויף קעפּ פון די שינדער,
אָט ווערט ער אַ שטערן אַ בלאַסער, אַ בלינדער,
אָט ווערט ער אַ שרפה, די פינצטערניש צינדט ער,
אָט ווייזט ער זיך ווידער, און אָט־אָ פאַרשווינדט ער...

ער טראָגט זיך און פאַלט ניט. ווער האָט אים באַפליגלט,
דאָס יינגל פון געטאָ? דאָס וויגליד אין וויגל?
ווער האָט אים באַפליגלט, דאָס יינגל פון געטאָ,
די טויב נאָכן מבול? אַן אָנזאָג אויף שפּעטער,
דער גלויבן, אַז ס'גרינען שוין צווייגן און בלעטער
אין תוהו־ובוהו? דער רום פון די אָבות,
וואָס איז ניט געפאַלן געשענדט אין די ראָוועס?
וואָס ווייסט ניט פון שרעק און פון שאַנד און פון בושה.
ווער האָט אים באַפליגלט? די שטאָלצע ירושה

פון זיידן דעם שוסטער, דעם וואַרשעווער יידן,
וואָס האָט זיין חריפות אין שטרייקן געשליפן?
די מומעס די שטילע? די פעטערס די שמידן?
די פויגלען, וואָס האָבן אויף לופטיקע שיפן
געבראַכט אים דעם שוואונג און דעם ריח פון פליגל?
צי אפשר דער טאַטע — דער מילנער דער פרייער,
וואָס מ׳האָט אויף די פליגל פון מיל דער געטרייער
געהאַנגען — ער זאָל ווי אַ פליגל זיך וויגן...

וואָס זיינען די פליגל? דער אומרו פון מילן?
די שטענדיקע גרייטקייט? די קראַפט און דער ווילן?
צי זיינען די פליגל אין איינער אַ נאַכט גאָר
פון רוסישע שנייען דעם יינגל געבראַכט גאָר
און זיינען געשליפן פון טייערסטע שטאָפן,
פון שטאָפן, וואָס ווערן געבוירן אויף צפון?
און אפשר גאָר זיינען די פליגל בלויז פאַרבן,
וואָס שווינדלען ביים זון־פאַרגאַנג ערגעץ אין הויכן,
און אפשר גאָר זיינען זיי פשוט אַ צייכן
פון קיינמאָל ניט לעבן און קיינמאָל ניט שטאַרבן,
אַ צייכן, וואָס כישופט און בלענדט נאָר און רינגלט...

וואָס זיינען די פליגל? דאָס וואַרשעווער יינגל,
דאָס יינגל פון געטאָ איז יונג נאָך און ווייסט ניט,
דאָס וויסן ניט יענע, וואָס האָבן קיין טרייסט ניט
און האָבן קיין האָפענונג מער אין דעם קיום,
דאָס וויסן די אַלטע און נייע נביאים,
די דורות די פריע, די דורות די שפּעטע,
דאָס וויסן די העלדן, וואָס קומען באַגריסן
די פאָן פון דער געטאָ, דאָס ווייסט דער געוויסן,
דאָס וויסן די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס וויסן די פשוטע מענטשלעכע ריזן,
וואָס טראָגן די גרויסע גאולה אויף שפּיזן!